STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04171

AHAD HAAM

O. Rapoport

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04171-8

9780657041717T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

י. ראפאפארט

אחד העם

זיין לערע און זיין פערזענלעכקייט

צו זיין צוואנציקסטן יארצייט

(1927 — 1947)

מעלבורן 1947

AHAD HAAM

His Personality and Teaching

by

O. RAPOPORT

Printed in Australia by Excelsior Printing Works,
634-636 Burwood Road, Hawthorn East, E.3.

אינהאלט

אַ קליינער פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — 5
דער טרייער ריטער פון יודאאיזם — — — — — — — 9
אחד העם, און הערצל — — — — — — — — — — — 23
מיניאַטורן צו אחד העמס פערזענלעכקייט — — — — — 43

אַ קלײנער פֿאָרוואָרט

„דאָס לעבן — דאָס מאָל דאָס שאַנכייער לעבן— האָט ווידער צעבראָכן אויף פּיצלעך אײנעם פון מײנע ליטעראַרישע טרוימען: אָנשרײבן אַ בוך וועגן אחד העמען און זײן אָרט אין אונזער מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוועגונג".

מיט די דאָזיקע ווערטער פון מײנע שאַנכײער „טאָגבוך"־נאָטיצן הויב איך אָן מײן קלײנעם פֿאָרוואָרט.

צוערשט האָב איך אין שאַנכײ נישט געקאָנט באַקומען אחד העמס ביכער. די ערשטע נאָטיצן צו מײן געפּלאַנטער אַרבעט האָב איך צונויפגעשטעלט פון קאָפּ אָדער אויפן סמך פון ציטאַטן פון אחד העמס ווערק, וואָס איך פלעג צופעליק געפינען צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרשידענע זשורנאַלן און ביי פאַרשידענע שריפטשטעלער.

הערנאָך האָט מיר דאָס גליק צוגעשפּילט: איך האָב באַקומען צו באָרגן די זעקס בענדער פון אחד העמס בריוו. נישט פאַראַמאָל, חס ושלום, נאָר אײנציקווייז. יעדן נויטיקן ציטאַט האָב איך געמוזט איבערשרייבן, — און במילא האָב איך געמוזט — צוליב פּיזישע טעמים — זיין שפּאָרעוודיק: אויב פאַרמידע נערוון איז שווער דאָס שרייבן, איז טויזנט מאָל שווערער דאָס איבערשרייבן. די פּיין פון שרייבן ווערט געמילדערט דורך דער הנאה פון שאַפן עפּעס, אָבער דאָס איבערשרייבן ציטאַטן פון זעקס בענדער פּייניקט נישט נאָר מיטן איבערשרייבן, נאָר אויך מיטן כסדר באַגלייטנדיקן געדאַנק: אַן אייגענער עקזעמפּלאַר וואָלט פאַרשפּאָרט די דאָזיקע פּיין. און אַזאַ קלײנע סומע וואָלט די זעקס בענדער געקאָנט פאַרוואַנדלען אין מײן אייגנטום!

דערנאָך האָב איך באַקומען צו באַרגן די ערשטע צוויי בענד פון אחד העמס ווערק אין דייטש. זאַמלען מאַטעריאַל פון אחד העמס ווערק אין דייטש געהער נישט צו די באַרו־איקונגס־מיטלען פאַר איבערגעשפּאַנטע נערוון. און דאָך בין איך געווען צופרידן, וואָס דער געזאַמלטער מאַטעריאַל וואַקסט, וואָס אינגיכן וועט אַנטשטיין דער מאָמענט, ווען דאָס א י ב ע ר ש ר י י ב ן וועט פאַרביטן ווערן אויף ש ר י י ב ן.

אָבער די יאַפּאַנער האָבן באַשלאָסן אַנדערש: איך האָב זיך נאָך נישט באַוויזן ווי געהעריק אַריינצוליינען — נאָך אוי פיל יאָרן! — אין אחד העמס צוויי בענדער, און כ׳האָב שוין געמוזט איבעררייסן די אַרבעט און אַריבערציען זיך אין געטאָ אַריין.

און ערשט דאָ האָט דער גורל באַוויזן וואָס פאַר אַ פיינע שפּאַסן ער קאָן מאַכן: דאָ, אין שאַנכייער געטאָ, האָב איך ענדלעך באַקומען אַלע פיר בענדער אחד העמס אין העברע־אישן אָריגינאַל. אָבער באַקומען האָב איך דאָס ביי מיין דאָק־טאָר, דעם דייטשן ציוניסט ד״ר ד. אַ., וועלכער האָט מיך געהיילט.

איך האָב געהאַט ביי זיך אחד העמס ווערק, כ׳האָב זיי געלייענט פון צייט צו צייט, אָבער מיין שעפערישע אַרבעטס־צייט אין שאַנכיי איז געווען פאַרענדיקט: נישט איך האָב געהאַט כוח, נישט איך האָב געהאַט אַ שטימונג צו אַרבעטן (וואָס עס איז געווען די סיבה און וואָס דער רעזול־טאַט — די פיזישע שוואַכקייט, צי די פּסיכישע ליימונג, — איז דאָ נישט וויכטיק).

דער טרוים פון אַ בוך וועגן אחד העמען איז געווען פאַר־ענדיקט.

„די גרעסערע שטיקלעך פון דאָזיקן צעבראָכענעם טרוים קלייב איך צונויף, כ׳גיב זיי צו אַ וואָסער נישט איז פאָרם און כ׳באַרואיק מיט דעם כאָטש טיילווייז דעם נאָגנדיקן אומעט, וואָס יעדער צערונענער טרוים רופט אַרויס״.

מיט די דאָזיקע ווערטער פון מיינע שאַנכייער „טאָגבוך"־נאָטיצן פאַרענדיק איך מיין דאָזיקן קליינעם פאָרוואָרט.

איך וואָלט נאָך געהאַט אַ סך צוצוגעבן; אָבער דאָס וואָלט שוין געהערט נישט צום שאַנכייער פּעריאָד און במילא נישט צו די דריי פראַגמענטן, וואָס איך פאַרייניק דאָ אין איין בראָשור.

י. ר.

מעלבורן, אנהויב מערץ 1947.

דער טרייער ריטער פון יודאַאיזם

די ווירקונג פון אחד העמען אין לעצטן יאָרצענדליק פון 19־טן און אין ערשטן פון 20־טן יאָרהונדערט איז געווען זייער גרויס.

אחד העמען האָט מען נישט נאָר געלייענט — מען האָט זיך פאַרטיפט אין אים, מען פלעגט פאַרזינקען אין אים, ווי אַמאָל אינם „מורה נבוכים" פונם רמבם. מען האָט דערוואַרט צו געפינען אין אים דעם לאַנג געזוכטן גרויסן אמת. מען האָט געזוכט ביי אים נישט קיין גייסטיקן גענוס, נאָר אַ וועג אין דער וועגלאָזיקייט פון אַן איבערברוך־עפּאָכע. אחד העמען האָט מען געלייענט נישט ווי אַ שרייבער, נאָר ווי אַ לערער. דער צויבער פון אחד העמען — דעם צויבער פונם נאָמען „אחד העם" און דעם צויבער פונם נאָמען פון זיין איינציק ווערק „על פרשת דרכים", — די מאַכט זיינע אויף דער עפנטלעכער מיינונג פון זיין דור דאַרף מען זוכן נישט אין זיינע מעלות אַלס שרייבער, נאָר אין זיינע מעלות אַלס לערער, פון אַ זיכערן גייסטיקן מדריך.

בעסער פאַר אַלע האָט דאָס אויסגעדריקט ח. נ. ביאַליק, איינער פון אחד העמס בעסטע און געטרייסטע שילער. אין זיין באַרימטן ליד „צו אחד העמען" זאָגט ביאַליק: „צווישן חורבות, אין חושך, זענען מיר געבוירן געוואָרן אַלס בני־זקונים ביי אונזער אוראַלטן פאָלק; וואַקסנדיק פון קינדוויַיז אויף אין שאָטן, אויף די קברים פון די אבות, האָבן מיר זיך מיט דער גאַנצער נשמה, מיטן גאַנצן גוף קאָנוולסיוו געריסן צום ליכט פון לעבן. און יעדער איינער פון אונז, מיט דער פאָן פון גאָט אין זיין האַרצן, איז אַרויס אינם בין־השמשות זוכן זיין שטערן.

„און יענע צייט איז געווען אַ צייט פון כאַאָס, פון איבערבּרוך, אַ צייט פון אַ סוף און אַן אָנהויב, פון חורבן און בויען, פון זקנה און יוגנט. און מיר, געבוירענע אין דער איבערגאַנגס־צייט, האָבן באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק געקניט פאַר בּיידע מאַכטן און האָבן זיי ביידע צוזאַמען אָנערקענט; הענגענדיק אין מיטן, צווישן די דאָזיקע צוויי מאַגנעטן, האָבן מיר מיט אַלע פיברען פון אונזער האַרצן געבענקט נאָך אַ נביא; ...און פּונקט דאַן, ווען מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין יאוש, אָן אַ גלויבן, געשטאַנען אומזיכער אויפן פרשת דרכים און געפרעגט: ווהין? — האָט אַ שיין געטון דיין שטערן, ‥ אָ, לערער, אונזערער!...”

און באַשרייבנדיק ווייטער דעם דאָזיקן דערשיינענעם לערער מיט די העלסטע פאַרבן, מיט דער גרעסטער ליבע און טיפסטער אַכטונג („אַ צניעותדיקער, אַ ריינער אין פאַרבאָרגעניש ווי בפרהסיא”) רופט אים ביאַליק אָן: „דער היטער פון לעצטן געטלעכן פונק...”

אין אַזאַ ליכט האָט אים געזען נישט נאָר ביאַליק, דורך דער פּריזמע פון זיין דיכטערישער באַגייסטערונג, — אין אַזאַ ליכט האָט אים געזען אַ גאַנצער דור, אויף וועלכן ער האָט געהאַט אַ ריזיקע ווירקונג אָדער אוממיטלבאַר, אַלס אָנערקענטער לערער און נביא, אָדער אַלס איינפלוסרייכער קעגנער, מיט וועלכן מען דאַרף קעמפן מיט דער גרעסטער אָנשפּאַנונג פון אַלע גייסטיקע כוחות...

אַזעלכע גייסטיקע מאַכטהאָבער ווירקן נישט נאָר אויף זייערע אָנהענגער, נאָר אויך אויף זייערע קעגנער. און די בּישט קאַנאָניזירטע לערע פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן גייט אָפּט אַריין אינם פאָלקס־אָרגאַניזם, ווי אַ דערנערנדיקער זאַפט ווערט איינגעזויגן דורכן בלוט. זייער גייסטיקע קראַפט ווערט נישט פאַרקערפּערט אין אַן אָרגאַניזאַציע, אין אַ פּאַרטיי, נאָר זי ווערט אַ טייל פונם פאָלקס־אָרגאַניזם.

אַזאַ גורל איז באַשערט געווען אויך אחד העמען: די קאָנקרעטע פאָרמולעס און פאָרמען פון זיינע אידייען האָט אונזער

לעבן אָפּגעוואָרפן, נאָר זייער לעבעדיקע קראַפט האָט זיך אומזעבאַר פאַרוואַנדלט אין פלייש און בלוט פון אונזער לעבן. און דער פּראָצעס, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן, אָדער ריכטיקער, וואָס ער האָט פאַרקערפּערט אין אַ קאָנקרעטער אידייע, איז נאָך נישט אָפּגעשלאָסן.

* * *

די שריפטשטעלערישע ביאָגראַפיע פון אחד העמען איז איינע פון די פשוטסטע, אָבער גלייכצייטיק פון די מערקווירדיקסטע אין איר פשוטקייט. ער האָט זיך גאָרנישט געגרייט צו דער קאַריערע פון אַ שרייבער, הגם ער האָט זיך אַ סך באַשעפטיקט מיט זיין אינטעלעקטועלער זעלבסטדערציאונג אין רוסלאַנד און אין די קולטור־צענטרען פון מערב־אייראָפּע. אַרויסטרעטנדיק אין דער העברעאישער פּרעסע מיט אַ צופעליקן אַרטיקל, אין שייכות מיט אַקטועלע פראַגן פון חיבת ציון, האָט ער אים אונטערגעשריבן מיט אַ באַשיידענעם, ניוועלירנדיקן פּסעוודאָנים — „אחד העם" (איינער פון פאָלק), טראַכטנדיק ווידער איינצושליסן זיך אין זיין באַשיידענעם ווינקל נאָכן צופעליקן אַרויסטריט אויף דער ליטעראַרישער טריבונע. אָבער דער דאָזיקער אַרטיקל („לא זו הדרך!") האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם און אַרויסגערופן אַזאַ העפטיקע פּאָלעמיק, אַז אחד העם איז געצוווּנגען געווען אַריינצוואַרפן זיך אין אַ ליטעראַרישן געפעכט און — ווי בהיסח הדעת — ווערן דער איינפלוסרייכסטער, שעפערישסטער און טאַלאַנטירטסטער פּובליציסט אין אונזער נייער צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַטור.

אָבער אפילו שוין נאָכדעם, ווי אחד העם איז איינשטימיק אָנערקענט געוואָרן אַלס גרויסמייסטער פון אונזער פילאָזאָפיש־פּובליציסטישער עסייאיסטיק, איז פאַרבליבן אין אים עפּעס פון דעם צופעליקן אַריינטריט אין דער ליטעראַטור. ער איז ווי פלוצלונג אַריינגעלאָפן אין דער געדיכטעניש פון אונזער געזעלשאַפטלעכן יאַריד, כדי אָנצוווייזן אויפן פאַלשן וועג און האָט אַ געשריי געטון: „לא זו הדרך!", אָבער אַרויסקלייבן זיך

פונם יאדיד־טומל האט ער שוין נישט געקאנט. אונזער לעבן האט אים ארומגערינגלט פון אלע זייטן און ער איז פארבליבן מיט אונז „אויפן שיידוועג" („על פרשת דרכים"). די גרעסטע טייל פון זיינע ארטיקלען איז געווידמעט פראקטישע פראגן; דעם גרעסטן טייל פון זיינע פיר בענדער פארנעמען אנאליזן פון פראקטישע אויפגאבן, פראקטישע פאלעמיק און פראקטישע קריטיק. און אלע פיר בענדער פון זיינע ווערק האבן איין נאמען — „אויפן שיידוועג", וואס, אייגנטלעך, איז ער נאר א פערעפראזע פונם נאמען פון זיין ערשטן ארטיקל „לא זו הדרך!" („נישט דאס איז דער וועג!").

אחד העם האט קיינמאל נישט געשריבן קיין ארטיקלען, אויב ער איז נישט סטימולירט געווארן דערצו דורך א שטארקער נויטווענדיקייט. און אים איז נישט געלונגען אפצוגעבן זיך מיט קאבינעט־ארבעט און אנצושרייבן, ווי דאס האט זיך אים א ז ו י געוואלט א פילאזאפיש־וויסנשאפטלעכע ארבעט וועגן יודאאיזם, ווי ער האט אים פארשטאנען, און א טעארעטיש־באגרינדעטע ארבעט וועגן די אקטועלע אויפגאבן פון דאזיקן יודאאיזם. זיינע טעארעטישע געדאנקען האט ער צעברעקלט, אנשטויסנדיק זיך כסדר אין אקטועלע פראבלעמען, און ער האט זיי — די טעארעטישע געדאנקען זיינע — צעשאטן אין זיינע אקטועלע ארטיקלען. אפילו זיינע ריין־טעארעטישע ארטיקלען האבן באקומען א קאלעקטיוון נאמען „פירורים" (ברעקלעך, פראגמענטן). און דערביי האט אחד העם פארמאגט א גרויסע טעארעטיש־פילאזאפישע באגאבונג. אבער ווי נאר ער פלעגט נעמען בויען א טעארעטישע געביידע, פלעגט דאס אקטועלע לעבן — אין איר האסטיקער אומגעדולדיקייט, אין איר געהעצטער איילעניש — זיך אריינכאפן אהין נאך פארן רעכטן פאנאנדערבויען זי (שוין אפגערעדט וועגן ענדיקן) און עס פארצעלירן פארן היימלאזן, א שטיקל דאךזוכנדיקן ארימען לעבן אונזערן.

אחד העם איז ווי געפאנגען געווען ביים לעבן, אין וועמעס געדיכטעניש ער איז צופעליק אריינגעלאפן, כדי אנצווייזן דעם

צעטומלטן לעבן אויפן ריכטיקן וועג. — יעדנפאלס אויפן אומריכטיקן. ער איז צופעליק אריינגעפאלן אהין אין א וויכטיקן מאמענט, און זיין ערשטע ווארנונג איז ארויסגעזאגט געווארן מיט אזא קלארן, באפעלערישן און באצויבערנדיקן טאן, אז דאס לעבן האט אים אויפגעכאפט און שוין נישט אפגעלאזן. זיין אידייע וועגן אן „ענציקלאפעדיע פון יודאאיזם” („אוצר היהדות”), מיט וועלכער קיין שום אנדערער צווישן אונז וואלט נישט געקאנט אזוי גוט אנפירן, ווי דער דאזיקער טיפער, קלארער, גוט־באוואפנטער שכל, איז פארבליבן אין דער ספערע פון אידייען, און פארקערפערן זי אין לעבן וועט אויסקומען אנדערע.

ווען מען רעדט וועגן אחד העמס ווונדערלעכער שרייבערישער ביאגראפיע (דער ווונדערלעכער לויט דער ריינקייט פון אירע פראסטע און גלייכצייטיק גראנדיעזע ליניעס), קאן מען נישט נישט אפשטעלן זיך אויך אויף זיין פסעודאנים.

קיין איין פסעודאנים אין אונזער צוויי־שפראכיקער ליטעראטור איז אזוי שטארק נישט סותר דער שריפטשטעלערישער געשטאלט פון זיין טרעגער, ווי דער פסעודאנים „אחד העם”. אויב מען זאל פארגלייכן דעם דאזיקן פסעודאנים מיט די קלאסישע פסעודאנימען „שלום עליכם” און „מענדעלע מוכר ספרים”, וועט דער אונטערשיד צווישן זיי זיין זייער א בולטער.

אחד העם איז שוין גראד נישט געווען קיין „איינער פון פאלק”. סיי אין זיין אויסערלעכן און אינערלעכן סטיל, סיי אין זיין געדאנקענגאנג איז דא אזוי פיל אריסטאקראטיזם! נישט אומזיסט האט ער געגרינדעט דעם ארדן „בני משה” („משהס זין,”, „משהס קינדער”), וואס זיין אויפגאבע איז געווען צו ארגאניזירן קליינע גרופעס נאציאנאל־דענקענדיקע יונגע מענטשן, וועלכע זאלן לעבן אין גייסט פון דער שטרענגער יידישער עטיק און זאלן אזוי ארום, ·· דורך זייער לעבנס־ביישפיל ·· קאנען ווירקן אויפן פאלק. אחד העם האט געטראכט נישט וועגן גרינדן א פארטיי, נאר אן ארדן, קליינע קעמערלעך.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אויך דאָס, וואָס ער האָט זיך נישט דערשראָקן אפילו פאַר ניטשעס טעאָריע וועגן אָן איבערמענטשן. פאַרקערט, ער האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די אידייע פון אַן איבערמענטשן איז גאָרנישט פרעמד דעם יודאַאיזם, וועלכער האָט דער ערשטער אין דער געשיכטע קלאָר אַרויסגערוקט די אידייע וועגן אַן איבער־פאָלק. אחד העם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט ניטשען בלויז אין דער פראגע פונם אידייאישן אינהאַלט, אַזוי צו זאָגן, פונם דאָזיקן איבערמענטשן; לויט אים דאַרף ער זיין נישט קיין בלאָנדע בעסטיע, נאָר אַן עטיש־שלימותדיקע פּערזענלעכ־קייט, נישט פאָדערן פּריווילעגיעס, נאָר טראָגן די גרויסע אחריות.

דער אונטערשיד איז אַ גרויסער. אָבער דער עלעמענט פון אַריסטאָקראַטיזם איז גאָר נישט פרעמד דעם דאָזיקן „איינעם פון פאָלק".

* * *

אחד העם האָט געקלערט צו וואָרענען במעט ווי אַנאַנים די אָנפירער פון די חובבי ציון קעגן דעם נישט ריכטיקן וועג, וועלכן זיי האָבן גענומען; אָבער מיטן דאָזיקן אַרטיקל האָט ער זיך אַרויסגערוקט אין דער פאָדערשטער ריי פון דער יידי־שער ליטעראַטור, פאַרנעמענדיק דאָס זעלבע אָרט אין אונזער פּובליציסטיק, ווי ביאַליק אין געביט פון דיכטונג און מענדעלע אין געביט פון קינסטלערישער פּראָזע. ער האָט נישט נאָר געשאַפן אַ נייע און גלענצנדיקע פאָרם פאַר אונזער פּובליציס־טיק, ווי ביאַליק פאַר דער דיכטונג און מענדעלע פאַר דער דערציילונג, נאָר ער האָט אויך באַרייכערט אונזער געדאַנק און אונזער לעבן, אַ שטופּ טוענדיק עס אַ גרויס שטיק פאָרויס אויפן וועג פון דערגרייכן אַ סינטעז צווישן אַלטן און נייעם אין אונזער לעבן, צווישן דאָס אייראָפּעאישע און דאָס יידישע.

אָבער אויב דער פּסעוודאָנים „אחד העם" איז נישט צונויפ־געגאָסן מיטן מחבר פון „על פרשת דרכים", ווי דער פּסעוודאָנים

„שלום-עליכם" מיטן היסטאָריקער פון כתרילעווקע און פון די כתרילעקעס, דריקט אָבער דערפאַר דער דאָזיקער פסוידאָנים ווי צום בולטסטן אויס די גאַנצע אינערלעכע פאַנטאַסטישקייט פון דער דאָזיקער שריפטשטעלערישער ביאָגראַפיע. ווען אשר גינזבורג האָט אונטערגעשריבן זיין ערשטן אַרטיקל „נישט דאָס איז דער וועג!" און האָט אונטערגעשטראָכן דורך זיין אויסגעקליבענעם פסוידאָנים זיין אַנאָנימישקייט, זיין אומווילן צו ווערן אַ שרייבער, האָט ער נישט געוווסט, אַז גראָד דער דאָזיקער פסוידאָנים, וואָס ליקנט אָפּ זיין שרייבערישקייט, וועט ווערן דער גלענצנדיקסטער ליטעראַרישער נאָמען פון סוף 19־טן און פון ערשטן יאָרצענדליק פון 20־טן יאָרהונדערט, ד. ה. גראָד פון יענע צוויי יאָרצענדליקער, אין משך פון וועלכע עס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אַלדאָס שעפערישסטע סיי אין אונזער נייער ליטעראַטור, סיי אין אונזער הייזנטצייטיקן נאַציאָנאַלן לעבן.

* * *

ווען מען זאָגט אַרויס דעם נאָמען „אחד העם", שווימט גלייך אויף אין זכרון די מיט אים פאַרבונדענע גאַנגבאַרע טערמינאָלאָגיע פונם אחד־העמיזם: „גייסטיקער ציוניזם", „גייסטיקער צענטער". און די קעגנער פונם אחד־העמיזם האָבן אַזוי אַרום אַ לייכטע אויפגאַבע: אויסצולאַכן די דאָזיקע טעאָריע, וואָס איגנאָרירט אָדער לייקנט אפילו אָפּ דעם עקאָנאָמישן באַזיס פאַר דער אויפלעבונג פונם יידנטום. מען הענגט אָן אחד־העמען אַ פלעטל פון אַ לעבנס־פרעמדן טרוימער, און זיין נעגאַטיווע רעפּוטאַציע איז שוין פעסטגעשטעלט אויף שטענדיק.

אָבער די דאָזיקע קליינקעפּלדיקע מענטשן ווייסן נישט — אָדער מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז אין זיין פּאָלעמיק קעגן חיבת ציון (אפילו אינם ערשטן אַרטיקל „לא זו הדרך!" און אין זיינע באַרימטע אַרטיקלען „דער אמת וועגן ארץ־ישראל"), אָריענטירט זיך אחד העם גוט און ניכטער אין די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג, אַז זיין קריטיק פונם

ערשטן פּעריאָד פון דער חיבת־ציון־קאָלאָניזאַציע איז געווען אַ שעפערישע און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים אויסאַר־בעטן די וויטערדיקע, מער ראַציאָנעלע קאָלאָניזאַציע־פאָרמען.

ניין, אחד העם לאָזט נישט אַרויס פון אויג די ערדיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון יידנטום, הגם ער האַלט, אַז ביים דעמאָלטיקן (און היינטיקן) צושטאַנד פון דער יידישער נשמה, איז די „אויפלעבונג פון די הערצער" אין יידנטום אַ סך אַן אַקטועלערע אויפגאַבע, ווי די אויפלעבונג פון די יידן „אויף דער ערד".

כדי דאס ווי געהעריק צו באַגרייפן, דאַרף מען וויסן, לכל הפחות, אחד העמס צוויי פאָר־הנחות. ערשטנס, האָט אחד העם נישט געגלויבט, אַז פּאַלעסטינע קען (לכל הפחות אַזוי שנעל, ווי דאָס האָבן געגלויבט צוערשט די חיבת־ציון־באַוועגונג און דאַן דער זיינצייטיקער פּאָליטישער ציוניזם) ווערן אַ מקום־מקלט פאַרן גאַנצן אָדער אפילו פאַרן גרעסטן טייל יידנטום; און צווייטנס, אחד העם האָט געהאַלטן, אַז די נשמה פון יידנטום געפינט זיך אין אַ גרעסערער סכנה, ווי דער יידישער גוף.

אחד העם קוקט אויפן יודאַאיזם, ווי אויף דער העכסטער לעבנס־תורה, ווי אויף דער דערהויבנדיקסטער לעבנס־פירונג, ווי אויף דער הייליקסטער און גלייכצייטיק מענטשלעכסטער עטי־שער סיסטעם. און אויב מען וועט אויפלעבן די היינטיקע יידן אויף דער ערד, נישט אויפלעבנדיק צוערשט זייערע יידישע הערצער, וועט זיך באַקומען אַן אויפלעבונג, וואָס איז נישט ראוי פאַר אַ פאָלקס־מאַרטירערטום, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער וועלט. אחד העם האָט געטרוימט וועגן דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אויף זיין אייגענער ערד אַלס טרעגער פונם יודאַאיזם, אָבער נישט וועגן דער אויפ־לעבונג פון אַ קאַריקאַטור אויף דעם טרוים פון יאָר־טויזנטער וועגן אַ „הייליקן פאָלק", וועגן אַ „ממלכת כהנים". פאַר אחד העמס בליק, קאָן מען זאָגן, איז געשטאַנען דער ביישפּיל פון עזרא און נחמיא, וועלכע האָבן אין דער ערשטער ריי גע־

זאָרגט וועגן אויפלעבן די הערצער פון יענע פון גלות אַרויסגעגאַנגענע יידן, וועמען עס איז באַשערט געווען אויפצולעבן דעם נאַציאָנאַל־גייסטיקן צענטער אין פּאַלעסטינע.

הייסט עס, אַז דער „גייסטיקער צענטר" אַ ז אחד העמען נויטיק נישט דערפאַר, ווייל ער לייקנט אָפּ די וויכטיקייט פון דער עקאָנאָמיש־ערדישער אויפלעבונג; דער גייסטיקער צענטער איז אים נויטיק, ערשטנס, דערפאַר, ווייל ער וויל נישט קיין אויסשליסלעכע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אויפלעבונג, און, צווייטנס, דערפאַר, ווייל דער מערהייט יידן, וועלכע וועלן געצוואונגען זיין נאָך לאַנג צו בלייבן אין גלות, איז נויטיק אַ שנעלע גייסטיקע הילף. צעגייענדיק און צעברעקלענדיק זיך צווישן די אַרומיקע קולטורן, פאַרלירנדיק אַלץ מער און מער זיין פאָלקסטימלעך־גייסטיק פּנים, איז דעם דאָזיקן גייסטיק זיך אַסימילירנדיקן יידנטום נויטיק אַ גייסטיקער אָנשפּאַר, אַ מוסטער, לויט וועלכן עס זאָל זיך פירן דאָס גאַנצע גלותדיקע יידנטום.

פאַרוואָס דער טערמין „גייסטיקער צענטר" האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל פאַראַכטנדקע שמייכלען און געלעכטערס, איז שווער צו פאַרשטיין, ווען מען גייט צו ערנסט צו דער דאָזיקער פּראָבלעם. געוויס, דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געמוזט באַקעמפן די דאָזיקע צו אים אַנטיפּאָדישע לערע: ער האָט באַטראַכט פאַר מעגלעך אַ שנעלע אויפלעבונג פון די יידן אין פּאַלעסטינע און ער האָט אויך געהאַלטן, אַז אַן ערדיש־אויסגעהיילט יידנטום וועט פון זיך אַליין זיך אויסהיילן אויך גייסטיק; און וואָס שייך דעם דאָזיקן גייסטיקן פּרצוף־פּנים פון יידנטום, האָט ער זיך אים פאָרגעשטעלט פּונקט קאַפּויער ווי אחד העם, — ער האָט אים געזען אַלס אָפּשפּיגלונג פון דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור אין אויסערלעכע יידיש־שפּראַכלעכע פאָרמען (הערצל האָט פון אָנהויב די יידיש־שפּראַכלעכע פאָרם אויך פאַרזען). דער אַנטאַגאָניזם צווישן דעם פּאָליטישן ציוניזם און דעם אחד־העמישן איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אָבער עס איז לחלוטין נישט פאַרשטענדלעך די איראָנישע באַציאונג צו אחד־העמס לערע, — אַ באַציאונג, וואָס אַ געוויסע צייט איז זי גע־

זוען שטאַרק פאַרשפּרייט נישט נאָר צווישן די קעגנער פון ציוניזם, נאָר נאָך מער צווישן זיינע אָנהענגער.

די דאָזיקע באַציאונג איז נישט נאָר נישט פאַרשטענדלעך דערפאַר, ווייל דער „גייסטיקער צענטר" פון אחד העמען האָט אונטער זיך אַ סאָלידן אידייאיש־לאָגישן פונדאַמענט, נאָר אויך דערפאַר, ווייל דער גייסטיקער צענטר איז איינער פון די הויפּט־אַקסן פון דער יידישער געשיכטע. אויף דער סאַמע שוועל פון אונזער געשיכטע שוועבט פאָרויס פאַרן בליק פון די וואַנדערנדיקע יידישע שבטים די וויזיע פון גייסטיקן צענטר פון די אבות — דאָס לאַנד כנען; דער דאָזיקער „גייסטיקער צענטר" קריסטאַליזירט צום ערשטן מאָל זייער נאַציאָנאַלע נשמה. דערנאָך, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון קלאַסישן יידישן גלות, צעפאַלט אונזער געשיכטע אויף אַ גאַנצער ריי גייסטיקע צענטרען: דער גייסטיקער צענטר פון בבל, פון שפּאַניע, פון דייטשלאַנד, פון פּוילן. פון דעם אומפּאַסנדיקן נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז דאָס אַלץ געווען בלויז אַ נאַציאָנאַלער פּאַליאַטיוו, אָבער דער דאָזיקער פּאַליאַטיוו האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אונזער געשיכטע, ער איז געוואָרן דער הויפּט־אינסטיטוט פון אונזער גלות־לעבן. דער פּרינציפּ פון „גייסטיקן צענטר" איז נישט אחד העמס אַן אויסטראַכטעניש, נאָר אַ פאַרלאַנג צו גיין מיטן וועג פון דער יידישער געשיכטע. און אחד העם האָט זייער גוט געוווסט, אַז דאָס איז אַ פּאַליאַטיוו, — אָבער דער דאָזיקער פּאַליאַטיוו האָט שוין געראַטעוועט אונזער פאָלקס־לעבן נישט איינמאָל, און ער דאַרף אונז ראַטעווען דאָס לעבן אויך איצט. בפרט, אַז לויט אחד העמען, איז דער פּאַסיקסטער אָרט פאַר אַ גייסטיקן צענטר אין אונזער צייט פּאַלעסטינע, וואָס פון איין זייט ווירקט זי נישט אויף אונז מיט אַ הויכער קולטור, און פון דער צווייטער ווירקט זי אויף אונז פּסיכאָלאָגיש־קרעפטיקנדיק: דאָס איז ענלעך אויף דער היילנדיקער ווירקונג פון היימישע קינדהייט־ערטער אויף געוויסע פאַלן פון פּסיכישן קראַנק־זיין.

* * *

פאַרוואָרפן אחד העמען לעבנס־פּרעמדן אידעאַליזם קאָנען נאָר די יעניקע, וועלכע קוקן צו אויבערפלעכלעך אויף דער קראַפט און דער ווירקונג פון אידעאַלן אין לעבן פון פעלקער, באַזונדערס אין פּעריאָדן פון נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס. אחד העמס שטאַרקע אַקצענטירונג פון די אידעאַלן פון יודאַיזם איז אַ רעזולטאַט גראָד פון דעם, וואָס אחד העם האָט געהאַט אין זינען די ווירקלעכקייט. ער האָט געזען, אַז דאָס יידנטום האָט פאַרלוירן זיין רעליגיעז־גייסטיקן שטיצפּונקט, וואָס האָט אים אויפגעהאַלטן אין משך פון יאָרטויזנטער. ער האָט — מיט פולן רעכט — געזען דעם אומקום פון זיין יידישן פאָלק אין דעם, וואָס עס האָט פאַרלוירן זיינע נאַציאָנאַלע אידעאַלן.

„לעבן מיט אַ לעבן, וואָס איז פול ליידן און נויט, — האָט אחד העם געשריבן, — און נישט פיינט באַקומען דאָס לעבן, — דאָס איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען דער ליידנדיקער ווייס, אַז ער לעבט און ליידט נישט נאָר דערפאַר, ווייל *ער קאָן נישט שטאַרבן*, נאָר אויך דערפאַר, ווייל *ער איז מחויב צו לעבן*".

מיט אַנדערע ווערטער, מיר דאַרפן פילן נישט נאָר די שווערקייט פון דער לאַסט (פון וועלכער *מיר קאָנען זיך נישט באַפרייען*), נאָר אויך די פרייד פון דער דאָזיקער לאַסט, דעם שטאָלץ מיט דער דאָזיקער לאַסט (פון וועלכער *מיר ווילן זיך נישט באַפרייען*).

און דאָס האָט אונז געוואָלט געבן אחד העם. לויט זיינע ווערטער, דאַרפן מיר קרעפטיקן נישט נאָר דעם נאַציאָנאַלן אינסטינקט (וואָס דערלויבט אונז נישט צו שטאַרבן), נאָר אויך אונזער נאַציאָנאַלן אידעאַל (וואָס גיט אונז קראַפט און ווילן צו לעבן).

צום דאָזיקן אידעאַל גייט אחד העם צו ראַציאָנאַליסטיש (ער איז בכלל נאָענט צו די ראַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען אין דער פילאָזאָפיע און אין דער שטרעמונג פונם נעאָ־יודאַאיזם האַלט ער זיך, אַזוי צו זאָגן, אָנם מתנגדזם אין קעגנזאַץ צום

גרעסטן טייל אָנהענגער פון דער גייסטיקער ווידערגעבורט פון יידנטום, וואָס אַנטציקן זיך מיטן חסידיזם). ער גלויבט אין דער משיחיע פון יידנטום, וואָס באַשטייט אין דעם, צו פאַרשפּרייטן און פאַרקערפּערן די אידייע פון אַלוועלטלעכער גערעכטיקייט, ווייל די דאָזיקע אידייע נויטיקט זיך אין אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין איר טרעגער, אין אַ פאָלק, וואָס זאָל פאַרקערפּערן דעם דאָזיקן אידעאַל. אָבער דער דאָזיקער אידעאַל איז נישט קיין מתנה פון הימל, לויט אחד העמען, אַ מתנה, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן אַפּריאָרי, נאָר ער איז אַ פּראָדוקט פון געשיכטע, פון קאָנקרעטע היסטאָרישע פּראָצעסן און כוחות. אין משך פון יאָר טויזנטער האָט דער זשעני פון פאָלק, — אונטער אַ שווידערלעכן דרוק, — אויסגעאַרבעט אַ ווונדערלעכן גייסטיקן עקסטראַקט און מיר דאַרפן אים אויפהיטן און אַנטוויקלען. דאָס דאַרף ווערן אונזער נאַציאָנאַלער אידעאַל.

אחד העם האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער לעצטער אַקט פון אונזער נאַציאָנאַל־אַלוועלטלעכער טראַגעדיע וועט זיין אַ קליינינקע מלוכה מיט אַן עקלעקטישער קולטור, וואָס איז צונויפגענייט פון שטיקלעך פון די פאַרשידנסטע קולטורן, וואָס מיר זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער זייער איינפלוס אינם פעריאָד, ווען אונזערע נאַציאָנאַלע כוחות און אידעאַלן זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אַ מענטש, אַרגומענטירט אחד העם, האָט אַ רעכט אויף אַ בהמיש לעבן, און מען קאָן נישט זאָגן, אַז דער־יעניקער, וואָס לעבט מיט אַזאַ לעבן, האָט בכלל קיין רעכט נישט צו לעבן; צי איז אָבער דערלאָזבאַר, אַז דער סוף פון סאָקראַטעסעס לעבן זאָל זיין אַ בהמישע עקזיסטענץ?

כדי אויפצולעבן אונזער יידישן אידעאַל, איז נויטיק אַ לאַבאָראַטאָריע פון דער נאַציאָנאַלער נשמה, און אַזאַ לאַבאָראַטאָריע, לויט אחד העמען, קאָן זיין נאָר פּאַלעסטינע, ווו די יידן וועלן נישט אַרונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון אַ פרעמדער קולטור, און וואָס איז הייליק פאַר אַלע יידן, לכל לפּחות עמאָציאָנעל. און פון דאָרט וועט דער דאָזיקער נאַציאָ־

נאַלער אידעאַל זיך פאַרשפּרייטן אויף די אַנדערע לענדער, אַלס קעגנגיפט צו די אַסימילירנדיקע טענדענציעס פונם דיאַספּאָרא־גיפט. אָבער דאָס אַלץ איז נישט דאָס לעצטע וואָרט פון אחד העמס אידעאַל — דאָס איז דער צוגרייטנדיקער אידעאַל צו דער לעצטער אידעאַלער אויפלעבונג.

אחד העם איז אַ גרויסער אָנהענגער פון דער עוואָלוציע־לערע. און ער זעט אויך פאָרויס די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אויף אַן עוואָלוציאָנערן אופן. זיין „גייסטיקער צענטר" אין פּאַלעסטינע דאַרף דינען אַלס עיקרדיקער און ערשטער אינסטרומענט אין דער לאַנגער און שווערער עוואָלוציע־אויפגאַבע פון אַ פאָלק צו זיין גייסטיקער און עקאָנאָמישער מלוכהדיקער אויפלעבונג.

אחד העם גלויבט אינם פּרימאַט פון גייסטיקן מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דעריבער גלויבט ער נישט אין דער אויפלעבונג פון אונזער אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער קולטור דורך דער אויפלעבונג פון אונזער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט, נאָר פאַרקערט. מען דאַרף צוערשט באַלעבן דעם נשמה־עמבריאָ, וואָס וועט שוין אויפלעבן אַ לעבעדיקן, געזונטן גוף. דאָס אויפלעבן אָבער אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישן צענטר מיט אַ גייסטיק־דעגענערירטן, מיט אַ גייסטיק־אַטראָפירטן (אין נאַציאָנאַלן זין) פאָלק, וועט אונז געבן בלויז אַ גולם, אַ גוף אָן אַן אייגענער נשמה.

* * *

ווי כ׳האָב שוין אויבן געזאָגט, איז אחד העם מיט זיין גייסטיקן צענטר נישט קיין נאָוואַטאָר אין דער יידישער געשיכטע, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך אַ קאָנטינואירלעכע קייט פון גייסטיקע צענטערס. נאָך מער, אויך אין ציוניזם שטעלט ער נישט פאָר מיט זיך קיין איזאָלירטע דערשיינונג. משה העס, דער שטאַם־פאָטער פון מאָדערנעם ציוניזם, האָט אין זיין „רוים און ירושלים" פאַראייניקט סיי די הויפּט־שטריכן פונם פּאָליטישן ציוניזם, סיי די הויפּט־שטריכן פונם גייסטיקן ציו־

ניזם. אויב מען באַטראַכט העסן אַלס אורפאָטער פון הערצלס פֿאָליטישן ציוניזם, קאָן מען אים נאָך מיט מער רעכט האַלטן אַלס אורפאָטער פון גייסטיקן ציוניזם. און האָבנדיק אבות אינם ציוניזם, האָט אחד העם אויך יורשים. אחד העם האָט נישט נאָר איבערגענומען די ירושה, נאָר ער האָט אויך איבערגעלאָזן יורשים. זיין קאַמף מיטן פֿאָליטישן ציוניזם איז נישט געבליבן פרוכטלאָז — אחד העמס גייסטיקער ציוניזם איז אומבאַמערקט אַריינגעדרונגען אין די מוחות און אין די הערצער פון אַ סך פון זיינע קעגנער, ווי דאָס טרעפט אָפט אין קאַמף פון מיינונגען און אידייען, ווו יעדער צד שיצט דעם אמת, אָבער נישט דעם גאַנצן. אחד העמס אָרדן „בני משה" האָט לאַנג נישט עקזיסטירט, אָבער ער גופא האָט אויסגעהאָדעוועט אַזעלכע נאָכפאָלגער, ווי ביאַליק, וועלכער האָט ווייטער געפירט די דורך אחד העמען אָנגעהויבענע אַרבעט פון אויפלעבן דעם יודאַאיזם, פון איבערנעמען די ירושה און זיך באַפרוכפערן דורך איר.

און זיין אחד־העמיסטישער און הערצלשער טערמינאָלאָגיע איז דער קאַמף צווישן דעם פֿאָליטישן און דעם גייסטיקן ציוניזם שטיל געוואָרן, אָבער אין זיין תוך איז דער דאָזיקער קאַמף נישט פאַרענדיקט און כ'ספק, צי ער וועט פאַרענדיקט ווערן. דער דאָזיקער קאַמף פילט אוים כמעט דעם גאַנצן אַלטן תנ"ך אונזערן, מאַכנדיק פון אים דאָס דראַמאַטישסטע בוך אויף דער וועלט. און דער דאָזיקער קאַמף וועט נישט פאַרלאָזן אונזער געשיכטע, כל זמן עס וועט זיין לעבעדיק אין אונז אונזער פאָלקס־נשמה. און וואָס מער אונזער אויפלעבונג וועט גיין פאָרויס, אַלץ מער וועט זיך צעפלאַקערן דער דאָזיקער קאַמף צווישן דעם לאָזונג „לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער!" און דעם לײדנשאַפטלעכן דראַנג צו זיין אַ „ממלכת כהנים", אַ „הייליק פאָלק".

אחד העם און הערצל

א.

עס איז זיך שווער פאַרצושטעלן צוויי בולטערע אַנטיפּאָדן אין געביט פון איין אידייע, ווי אחד העם און הערצל: זיי געפינען זיך אויף די ביידע פּאָליוסן פון דער ציוניסטישער אידייע. פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט פאַרטרעט אחד העם אינם ציוניזם יענע שטרעמונג אין יידנטום, וואָס פלעגט זיך תמיד ריכטן לויטן שכל, בעת הערצל געהער צו יענער שטרעמונג אין יידנטום, וואָס פלעגט זיך ריכטן לויט דער עמאָציע. דער ווילן פון די דאָזיקע צוויי שטרעמונגען האָט תמיד געהאַט איין ציל — אויפצוהאַלטן דאָס יידישע פאָלק, אָבער בעת די ערשטע שטרעמונג פלעגט אַרויפוואַרפן אויף דעם דאָזיקן ווילן דעם צוים פון שכל, פלעגט די צווייטע אונטערטרייבן דעם רייסנדיקן שטראָם פונם דאָזיקן ווילן דורך דעם שטורעם פון אומגעצוימטער פאַנטאַזיע. די ערשטע שטרעמונג איז קלאַסיש פאַרקערפּערט אין יוחנן בן זכאי, וועלכער האָט אונטערגעוואָרפן זיין ווילן צו פולער פרייהייט דער נויטווענדיקייט צו באַגנוגענען זיך מיט דער יבנהער ישיבה, און די צווייטע איז קלאַסיש פאַרקערפּערט אינם אומגעדולדיקן משיח־אַרטיקן בר־כוכבא.

אחד העם איז אַ רינג אין יענער קייט גרויסע פערזענלעכקייטן פון אונזער געשיכטע, וועלכע פלעגן תמיד, אין נויטיקן מאָמענט, אונטערשפּאַרן די געביידע פון יודאַאיזם אָדער די גייסטיקע טעריטאָריע פון יידישן פאָלק (פאַר זיי איז דאָס געווען איינס און דאָס זעלבע) מיט אַ באַנייטן פונדאַמענט. ווען די גריכישע קולטור האָט אַטאַקירט דאָס יידנטום, איז די געפאַר געקומען נישט נאָר מצד די אַרמייען פון אנטיאכוס עפּי־

פאַנוס, נאָר פריער נאָך — און שפּעטער ·· אויך מצד דער גריכישער פילאָזאָפיע, וואָס האָט מיט ראַציאָנאַליסטישער קריטיק גענומען אונטערגראָבן די יסודות פון יודאַאיזם. און אויב די חשמונאים האָבן פאַרניכטעט דאָס גריכישע געווער, האָט פילון פון אַלעקסאַנדריע זיך באַמיט אומשעדלעך צו מאַכן די גייסטיקע אַטאַקע פונם העללעניזם — דער מעכטיקסטער קולטור פון יענער תקופה. ער האָט אונטערגעוואָרפן דעם ווילן צו לעבן דעם שכל און ער האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען פון זיין זשעני, כדי האַרמאָניש צונויפצוגיסן ד דאָזיקע צוויי אַנטיפּאָדישע גייסטיקע דערשיינונגען — די גריכישע פילאָזאָפיע מיט משהס תורה.

דאָס זעלבע האָט אָנגעהויבן סעדיה גאון און הער רמבם האָט דאָס פאַרענדיקט, ווען די אַראַביש־גריכישע פילאָזאָפיע האָט אָנגעהויבן אונטערצוגראָבן דעם יודאַאיזם אין דער גאָלדענער עפּאָכע פון דער אַראַבישער קולטור: זיי האָבן אַריבערגעוואָרפן אַ נייע בריק איבערן תהום, וועלכן אויך פילון פון אַלעקסאַנדריע האָט זיך באַמיט צו פאַרשיטן. און אַ וויטערדיקער רינג אין דער דאָזיקער קייט בריקן־לייגער, וועלכע ווילן תמיד שלום מאַכן צווישן דער אַלטער לערע און די נייע וועלט־אנשויאונגען, איז אחד העם: אויפן מאָדערנעם פרשת דרכים פונם יידנטום האָט ער אַריבערגעוואָרפן אַ בריק צווישן דער היינטצייטיקער וועלט־אנשויאונג און דעם אַלטן יודאַאיזם. אויב פילון און דער רמבם האָבן אין דער תורה געפונען די פילאָזאָפיע, האָט אחד העם אינם יודאַאיזם געפונען דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט. ער האָט פאַרייניקט די מאָדערנע נאַציאָנאַלע וועלט־באַוועגונג מיט דער עטישער וועלט פונם יודאַאיזם. ווי עס איז באַקאַנט פון אחד העמס בריוו, האָט ער אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון זיין לעבן ממש געברענט מיטן פאַרלאַנג אָנצושרייבן אַ גרויס ווערק, געבן אין אַ שלימותדיקער פאָרם דאָס, וואָס ער האָט אין משך פון אַ גאַנצן לעבן צעברעקלט אויף „ברעקלעך". (ווי עס האָבן געהייסן זיינע קליינע טעאָרעטישע עסייען ·· „פּרורים"). אין אַ בריוו צו ש. דובנאָוון

(אין 1914) רעדט אחד העם צום ערשטן מאָל קלאָר און דייטלעך וועגן כאַראַקטער פון דאָזיקן ווערק: „דער נאַציאָנאַלער עלעמענט אין דער לערע פון יודאַאיזם און אין זיין עטיק". מען קאָן שוין קלאָרער נישט זאָגן, אַז ער וויל אונטערבויען אַ נייעם פונדאַמענט אונטער דעם צעוואַקלטן בנין פון יודאַאיזם (אין רעזולטאַט פון דער לעצטער אידעאָלאָגישער ערד־ציטערניש).

אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען („נאָכמאַכונג און אַסימילאַציע"), וואָס באַהאַנדלט איינעם פון די הויפּט־עיקרים פון זיין אידעאָלאָגיע, שרייבט אחד העם, אַז ווען פּלאַטאָ וואָלט געווען איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש אין דער זעלבער צייט, ווי דער תנ"ך איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף גריכיש, וואָלט נישט געווען געקומען צו דער אַסימילאַציע־באַוועגונג פון די העלעניסטן, וואָס זי האָט דאָס, אין לעצטן סך־הכל, דערפירט צו אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס (די מלחמות פון די חשמונאים), און דער יודאַאיזם וואָלט געווען איינגעזויגן אין זיך אין אַן אָרגאַניש־שעפערישן פּראָצעס די גריכישע קולטור. מיט אַנדערע ווערטער, אויב דער יודאַאיזם וויל נישט פאַרשלונגען ווערן נישט דורך דער גריכישער קולטור, נישט דורך דער היינט־צייטיקער וועלט־אַנשויאונג, מוז ער ז י י איינשלינגען און שעפעריש פאַרוואַנדלען דאָס דאָזיקע פרעמדע (אָבער לעבעדיקע און ווערטפולע פאַר לעבן) אינם אייגן בלוט.

דאָס איז געווען דער וועג פון פילון פון אַלעקסאַנדריע, דאָס איז געווען דער וועג פונם רמבם און דאָס איז געווען דער וועג פון אחד העמען — פאַרדייען, פאַרוואַנדלען די אייראָפּעאישע קולטור, די מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס ציען אַזוי צו זיך דאָס נייע יידנטום, אין בלוט און פלייש פונם יודאַאיזם.

און צי דען איז דאָס נישט געווען אויך דער וועג פונם תלמוד און פונם מדרש ביז זייערע פאַרשידנאַרטיקסטע רבניש־מתנגדישע און רבייש־חסידישע פאַרקערפּערונגען? אַרויסדרינגען דאָס נייע פונם אַלטן, אַריינשליסן דאָס נייע אינם אַלטן

אויף אַן אָרגאַנישן אופן, — מיט מיטלען פון כעמישער צונויפ־גיסונג.

* * *

הערצל אָבער פירט מיט זיין טעטיקייט ווייטער די ליניע פון אַקטיוון משיחיזם, וואָס הויבט זיך אָן מיט בר־כוכבאַן און וואָס איז נישט איינמאָל אויפגעלעבט געוואָרן אין אונזער געשיכטע דאָ אין דער פאָרם פון פּראַקטישער קבלה, דאָ אין דער פאָרם פון די פאַרשידנאַרטיקסטע פאַלשע משיחים (אין היסטאָרישן זין, נישט אין אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישן): דוד ראובני, שלמה מולכו, שבתי צבי, וועלכע זענען נאָר די מער באַקאַנטע, אָבער נישט די איינציקע.

איז טאַקע קיין ווונדער נישט, וואָס ש. דובנאָוו, אין זיין „געשיכטע פון יידישן פאָלק" (אין צענטן באַנד), פאַרגלייכט הערצלען מיט מולכון. דובנאָוו שרייבט: „44 יאָר האָט ער געלעבט און די לעצטע צען פון זיי האָט ער אינגאַנצן אָפּגעגעבן אויף צו דינען זיין פאָלק. די דאָזיקע יאָרן „האָט ער נישט געלעבט, נאָר געברענט" — און ער איז פאַרברענט געוואָרן. אַ צווייטער, אַן ענלעכער צו אים, אין 16־טן יארהונדערט, שלמה מולכו, איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטער פון דער אינקוויזיציע; טעאָדאָר הערצל איז פאַרברענט געוואָרן אויפן מזבח, וואָס ער אַליין האָט אים פאַר זיך אויפגעשטעלט: די לאַסט פון משיחישן העראָאיזם, וואָס ער אַליין האָט גענומען אויף זיך, האָט אים דערדריקט אונטער איר שווערקייט. און צוזאַמען מיט אים איז אַראָפּ פון דער סצענע דער העראָאישער ציוניזם, וואָס פאַרבלייבט אַ שיין זייטל אין דער געשיכטע פון יידישן משיחיזם". און דאָס ווערט געזאָגט נישט צוליב סטיל־שיינקייט: אין הערצלען האָט זיך באמת אָנגעצונדן אויף אַ געהיימנישפולן אופן דער אַלטער פלאַם פון משיחישן ווילן אויסגעלייזט צו ווערן. אין הערצלס „טאָגביכער" טרעט אַרויס פאַר אונז אַ היינטצייטיקער מולכו, פונקט אַזאַ עקזאַלטירטער, וואָס גלויבט אויך אין זיין מיסיע, וואָס איז גרייט צו גיי־

אויפֿן שייטער פֿאַרן פֿאָלק, מיט וועלכן ער האָט זיך ווידער פֿאַרקנסט. געוויס, דער דאָזיקער מולכו אונטערשיידט זיך אַביסל פֿון זיין פֿאָרגייער (דער 19־טער יאָרהונדערט איז נישט דער 16־טער!), אָבער די צענטראַלע ליניע איז די זעלבע, אַמאָל אפֿילו ביז די קלענסטע דעטאַלן. דער ווילן צו אויסלייזונג האָט אויפֿגעפֿלאַקערט מיט א געוואַלדיקער קראַפֿט און ער ווייס נישט פֿון קיין אָפּהאַלט, טראָגנדיק זיך אויף די פֿליגלען פֿון דער אומגעצוימטער פֿאַנטאַזיע.

„איך אַרבעט דאָס אויס? — פֿרעגט הערצל אין זיין „טאָג־בוך", בעת ער פֿלעגט אָן אויפֿהער פֿאַרשרייבן די דעטאַלן צו זיין „יידישער מלוכה". — „ניין! דאָס אַרבעט מיך אויס!"

נישט דער שׂכל פֿירט אָן מיט זיין ווילן, נאָר עפּעס א קוואַל פֿון אַ טויזנט־יאָריקער עמאָציע, וואָס האָט זיך געהיימנישפֿול אַנטפּלעקט אויף דער אויבערפֿלאַך.

אין די פּערזאָנען פֿון אחד העמען און טעאָדאָר הערצלען האָבן זיך פּאַר די עקסטרעמע פּונקטן פֿון ציוניזם אָנגעכאַפּט דער יידישער ראַציאָנאַליזם און דער יידישער משיחיזם, — דער שׂכלדיקער ווילן און דער מיסטישער.

צום הונדערטסטן מאָל האָבן זיך אין אונזער געשיכטע צונויפֿגעשטויסן „יבנה" און „מסדה"; מולכוס משיחיזם און דעם רמבמס ראַציאָנאַליזם.

אין דער הערצל־דערשיינונג געפֿינען מיר די עיקרדיקסטע שטריכן פֿון אַלע פֿאַרקערפּערונגען פֿון יידישן משיחיזם, — און נישט נאָר אין פֿיגוראַלן, בילדלעכן זין, נאָר אין דער קאָנקרעטסטער באַדייטונג פֿון דאָזיקן וואָרט. די דערשיינונג „הערצל" איז אַ משיחישע נישט דערפֿאַר, ווייל ער האָט גערופֿן צום אַקט פֿון אויסלייזונג און דאָס פֿאָלק האָט זיך צוגעהערט צום דאָזיקן רוף און זיך אָנגעצונדן פֿון דאָזיקן רוף; די דערשיינונג „הערצל" איז משיחיש דערפֿאַר, ווייל די יידישע פֿאָלקסמאַסן האָבן אין אים געזען די פֿאַרקערפּערונג פֿון מיסטישן משיח און ער אַליין האָט געגלויבט אין זיין מיסיע פֿון אַ

משיח. הערצל האָט געזען אין זיין ציוניסטישער אידייע אַן אינספּיראַציע פון הימל.

אין זיין בוך „דאָס קאָסמישע באַוווסטזיין" האָט ריטשאַרד מאָרים בעק צונויפגעזאַמלט אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן אַ סך גרינדער פון רעליגיעס און רעליגיעזע סעקטעס, וואָס דער אמת אַנטפּלעקט זיך זיי פּלוצלונג, אויף אַן אומגעריכטן, איבערנאַטירלעכן אופן. און אויפן סמך פון זיין מאַטעריאַל קומט ער צום אויספיר, אַז די התגלות פון אויבן איז פאַר אַ סך פון די דאָזיקע רעליגיעזע פירער געקומען דאַן, ווען זיי זענען אַלט געווען 35 יאָר.

ווען בעק וואָלט זיין בוך געווען געשריבן אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט, וואָלט ער אין זיין קאָלעקציע פון די, ביי וועמען די אויגן האָבן זיך פּלוצלונג געעפנט אויפן אמת, געקאָנט אַריינגעמען אויך הערצלען, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו פיבערן מיט זיין „יידישער מלוכה" אין 1895, אַלס 35־יאָריקער יונגערמאַן, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע באַרימטע „טאָגביכער", וועלכע טראָגן אין זיך די אָנספּקדיקע שפּורן פונם התגלות־מאָמענט, פון עקסטאַטישער פאַרוואָנדלונג פונם גאַנצן מענטשן, מיט וועלכן עס פירט אָן עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע קראַפט, עפּעס כמעט ווי איבערנאַטירלעכעס.

דאָס ערשטע בוך פונם „טאָגבוך" — לכל הפחות זיין גרעסטע טייל — איז אָנגעשריבן מיט אַזאַ היץ און אַזאַ נאַאיוויטעט, מיט וועלכע עס ווערן געשריבן בלויז „עוואַנגעליעס".

„אַזעלכע צושטאַנדן, — שרייבט הערצל וועגן זיין צושטאַנד בעתן אַרבעטן איבער דער „יידישער מלוכה", ··פלעגט מען אין אַמאָליקן סטיל רופן: אינספּיראַציע!"

* * *

און די דאָזיקע צוויי אַנטיפּאָדן האָבן פאָרגייער נישט נאָר אין גרויען אַלטערטום פון אונזער געשיכטע, נאָר אויך אויף דער שוועל פון אונזער צייט: די טענדענצן, וואָס האָבן זיך

אין זיי פאַרקערפּערט, האָבן פיבערהאַפט געזוכט פאַר זיך מעדיומען. סיי אחד העם, סיי הערצל זענען נישט געקומען פלוצלונג. די קראַפט, וואָס האָט געפאַנגען גענומען הערצלען, האָט פּרובירט פאַנגען אויך אַ אַנדער מערב־אייראָפּעאישן יידן (וועלכער איז אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט געווען פאַר דער הערצלשער טאַט), — פערדינאַנד לאַסאַל. אינם בחורל לאַסאַל האָט געברענט מיט אַ העלישן פייער דער פאַרלאַנג צו ווערן אַ נייער משה, דער אויסלייזער פון יידישן פאָלק פונם אַלוועלטלעכן מצרים. אינם טאָגבוך פון בחורל לאַסאַל געפינען זיך באַרעדעוודיקע שפורן פון דאָזיקן פלאַמיקן פאַרלאַנג צו משיחישער טאַט.

„איך וואָלט זיך נישט געשראָקן אפילו פאַרן עשאַפאָט, — שרייבט ער, — ווען איך וואָלט זיי נאָר ווידער געקאָנט מאַכן פאַר אַ בכבודיק פאָלק... אַך, ווען איך גיב זיך אָפּ מיינע קינדישע טרוימען, באַשטייט מיין באַליבטסטער געדאַנק אין דעם, צו שטעלן זיך בראש פון די יידן און מאַכן זיי, מיט געווער אין דער האַנט, זעלבשטענדיק".

און בעת דעם דמשקער בלוט־בלבול, פאַרשרייבט דאָס בחורל לאַסאַל אין זיין „טאָגבוך": „אַ פאָלק, וואָס טראָגט אַזוינס אַריבער, איז שרעקלעך". „אַך, דו פחדנותדיק פאָלק, דו פאַרדינסט נישט קיין בעסערן גורל!"

אין די דאָזיקע ווערטער איז דער געשריי פון עמפּערטן שטאָלץ. אַזוי רעאַגירט דאָס נאָרמאַלע געפיל פון נאָרמאַלע מענטשן, — אָבער אין זיי איז נישטאָ קיין שפור, פּונקט ווי דאָס איז נישטאָ אין הערצלס „טאָגבוך", אין הערצלס „יידישע מלוכה", פונם היסטאָריש־קאָנקרעטן יידנטום, נישט פון זיין געפיל, נישט פון זיין באַוווסטזיין.

פאַרקערט אָבער: אינם פאָרגייער פון אחד העמען, אין משה העס, הערן מיר די שטים פון היסטאָרישן יידנטום, וואָס רייסט זיך צו באַנייאונג נישט אַזוי צוליבן געפיל פון מענטשלעכן שטאָלץ, ווי צוליבן געפיל פון היסטאָרישער זעלבסטבאַזינונג,

צוליבן ווילן צום לעבן, צוליבן געפיל פון היסטאָרישער אחריות.

אין לאַסאַלן און אין הערצלען הערט זיך דאָס געשריי פון דער עמפּערטער פּערזענלעכקייט; אין העסן און אין אַחד העמען הערט זיך די „שטים פון בלוט", פון אַ קאָלעקטיוו.

און הגם דער נאַציאָנאַלער אויסברוך נישט נאָר פון לאַסאַלן און הערצלען (ביים ערשטן אויף אַ מינוט, ביים צווייטן אויף אַ גאַנץ לעבן) איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַן אויסערלעכן פאַקטאָר (דורך דעם דמשקער בלוט־בלבול ביים ערשטן און דורך דער דרייפוס־אַפערע ביים צווייטן), נאָר אויך פון העסן (דורך דעם זעלבן דמשקער בלוט־בלבול), דאָך איז נאָר ביי די ערשטע צוויי דער אויסברוך געבליבן אַן אויסערלעכער (ביי לאַסאַלן האָט ער זיך לחלוטין נישט אַנטוויקלט און איז אָפּגעשטאָרבן גלייך פון אָנהויב), — ביים דריטן איז דער אויסערלעכער אויסברוך געווען בלויז אַ סטימול פאַר אַן אינערלעכער פאַרטיפונג. ביי העסן האָט דער דאָזיקער אויסברוך געוואָרפן דעם זאמען, וואָס איז פאַרפוילט געוואָרן אין כלומרשטער אומטעטיקייט, כדי צו ברענגען אַ רייכע גערעטעניש אין 20 יאָר אַרום.

ב.

אחד העם איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון הערצלען און פון הערצלס פּאָליטישן ציוניזם. אחד העמס קריטיק פון טעאָדאָר הערצלס „יידישע מלוכה" האָט בשעתו קאַליע געמאַכט נישט ווייניק בלוט. אחד העם האָט שאַרף נאָכגעשפּירט די טעטיקייט פון פּאָליטישן ציוניזם און פון זיין פירער און פלעגט אונטערוואַרפן זייער יעדן טריט אַ שטרענגער קריטיק פון דעם טורעם־שפּיץ פון זיין יודאַאיסטישער אָדער ריכטיקער: פון זיין ציוניסטיש־יודאַאיסטישער וועלט־אָנשויאונג.

דער אַנטאַגאָניזם אחד העם — הערצל האָט זיך נישט באַזירט נישט אויף אַ פּערזענלעכער אַנטיפּאַטיע, נישט אויפן צו־

זאַמענשטויס פון צוויי אינדיווידועלע אידעאָלאָגיעס. אין די פּערזאָנען פון אחד העמען און הערצלען האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן די צוויי עקסטרעמסטע פליגלען פון יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. דורך זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן צוויי אינערלעכע שטרעמונגען אינם יידישן לעבן גופא. און דעריבער איז דער קאַמף געווען אַזוי שאַרף, אַזוי פול מיט דראַמאַטיזם — אחד העם האָט געקעמפט פאַרן גייסטיקן פּרצוף פון זיין פאָלק, וועמענס גייסטיקער אַפּוטרופּוס ער האָט זיך געפילט.

אין אַזאַ קאַמף איז בכלל נישטאָ קיין קאָמפּראָמיסן, בפרט דאַן, ווען דעם קאַמף פירט אַזאַ מענטש, ווי אחד העם, וועלכער האָט נישט געוווסט פון קיין קאָמפּראָמיסן אין ענינים פון גייסט.

אין זיין בריוו צו דובנאָוון (27/9 1909) שרייבט אחד העם וועגן דער פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך דאַן פאַנאַנדערגעברענט וועגן יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך (אין דער פראַגע וועגן יידיש זענען די מיינונגען פון די צוויי נאָענטע פריינט — אחד העם און דובנאָוו — געווען שאַרף קעגנזעצלעך):

„אינם זיג פון „זשאַרגאָן" (פאַר אחד העמען איז יידיש פאַרבליבן אַ „זשאַרגאָן" — י. ר.) זע איך די גרעסטע סכנה פאַר אונזער יודאַאיזם. אויב די עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק הענגט ווירקלעך אָפּ פון דאָזיקן זיג, דאַן ·· אַנטשולדיק, כ'בעט דיך, די זינד פון מיינע ליפּן, — בין איך גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון דער דאָזיקער עקזיסטענץ. אויב נאָך דער געשיכטע פון עטלעכע טויזנט יאָר וועט אונזער פאָלק אָנהויבן אַנטוויקלען זיין קולטור פון אָנהויב אָן („מבראשית"), ער וועט אָנהויבן שאַפן אַ נייע ליטעראַרישע שפּראַך, מיט „ליטעראַרישע און קולטורעלע ווערטן", וואָס וועלן זיין בלויז אַ נאָכמאַכונג, ·· אַן אָפּשפּיגלונג פון אַן אָפּשפּיגלונג, — פון פרעמדע קולטורן, ...
·· זע איך נישט קיין שום זין און קיין שום נויטווענדיקייט אין אַזאַ נידעריקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, און ס'וואָלט

שוין בעסער געווען צוצומאַכן דאָס בוך פון אונזער געשיכטע, איידער צוגעבן צו איר אַזעלכע פּוסטע זיימלעך...“

דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן אין דער היץ פון פּאָלעמיק, — אין די דאָזיקע ווערטער איז די קאַלטבלוטיקע אַנטשלאָסנקייט פון אַ מענטשן נאָכצופאָלגן ביזן סוף זיין געדאַנק און — דער עיקר — זיין געפיל. איז וואָס־זשע האָט באַדאַרפט פילן אחד העם, ווען אין דער עוואַנגעליע פון פּאָליטישן ציוניזם, אין דער „יידישער מלוכה“, האָט ער געפונען אַן אָפּגעשפּיגלטע פאָרם פון פרעמדע מלוכות, אָן אַ סימן פון אַ שאָטן אפילו פון אוראייגענער יידישער קולטור? אין דער „יידישער מלוכה“ (און אויך אין „אַלטניילאַנד“) הערט מען נישט נישט נאָר דעם קלאַנג פון העברעאיש, נאָר אפילו נישט פון יידיש.

אחד העם האָט דערפילט, אַז די געפאַר רוקט זיך אָן נישט נאָר פון דרויסן, אַזוי צו זאָגן, מצד דעם עקסטרעמען יידישיסטישן פליגל פון בונדישן שניט, נאָר אויך פון אַ נעווייניק, מצד דעם ציוניזם, דער איינציקער גרויסער ליבע פון דאָזיקן מענטשן, — אַ ליבע, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע כוחות און טרוימען.

און דער צוזאַמענשטויס צווישן הערצלס ציוניזם און אחד העמס איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך.

* * *

כ'האָב שוין אויבן אָנגעמערקט, אַז דער צוזאַמענשטויס איז סטימולירט געוואָרן דורך דער קעגנזעצלעכקייט פון אחד־העמס און הערצלס קולטור־פּאָזיציעס. בעת ביי אחד העמען איז ביז גאָר אַנטוויקלט געווען דאָס געפיל פון נאַצ אָנאַלער קאָנטינואיטעט, פון נאַציאָנאַל־גייסטיקער המשכדיקייט, האָט הערצל נישט נאָר נישט פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע געפיל (הערצווינגן מחוץ דער קולטור־נאַציאָנאַלער ספערע פון יידנטום), נאָר פאַרקערט נאָך: זיין ציוניזם איז געווען אַ געניאַלער או סברוך פונם דאָרשט אָפּצורייסן זיך פון דער קאָנטינואירלעכקייט פונם יידישן לעבן אין יענער איינציקער פאָרם, אין וועלכער דאָס

דאָזיקע לעבן איז מיטאַמאָל דערשינען פאַר אים דורך דער פּריזמע פון דער דרייפוס־אַפערע. (הערצל האָט ביז דער דרייפוס־אַפערע אויך געליטן פון צייט צו צייט פון דער דרייפוסיאַדע־אַטמאָספער, אין וועלכער מיר לעבן תמיד אויך אין די צווישנס — צווישן איין דרייפוס־אַפערע און דער צווייטער; אָבער מער ווי צו קליינע ווייטיק־סיגנאַלן פלעגט עס נישט דערגיין).

דאָס, וואָס איז פאַר הערצלען געווען בלויז אַן אויסערלעכער פיין־וועג, איז פאַר אחד העמען געווען — אַ מאַרטיראָלאָגיע. דאָס, וואָס איז פאַר הערצלען געווען ב ל ו י ז די דעגענעראַציע פון הײנטצייטיקן יידנטום — דעם פעלקערפאַריער, איז פאַר אחד העמען געווען די דעגענעראַציע פון יידנטום ·· דעם פעלקער־אַריסטאָקראַט פון דער געשיכטע. אינם בילד פון יידנטום, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אַנטפּלעקט פאַר הערצלס אויפגעעפנטע אויגן, האָט געפעלט דער טיפער פאָן, די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. הערצל זעט בלויז די ליידן פון הײנטצייטיקן יידן, — אחד העם זעט די ליידן פון היסטאָרישן יידנטום. און דעריבער שטייט אויף פאַר הערצלס אויגן דער טרוים וועגן אַ יידישער מלוכה לויט דער געשטאַלט פון די מערב־אייראָפּעאישע מלוכות אין אַ פאַרבעסערטער אוטאָפּישער אויפלאַגע (און די אוטאָפּיע איז אויך ענלעך אויף די מערב־אייראָפּעאישע אוטאָפּיעס), ·· אָבער אחד העם טרוימט אין די פאַרבאָרגענישן פון זיין נשמה וועגן דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אינם גייסט פון די נביאים, פון די תנאים און פונם רמבם.

הערצל וויל די אויפלעבונג פון יידישן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם ווו דאָס זאָל נישט זיין (ער איז נישט צוגעבונדן צו דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט), — אחד העם גלויבט אין דער אויפלעבונג פון פאָלקס־גייסט נאָר אין פּאַלעסטינע.

אין הערצלס „טאָגביכער” געפינט זיך אַ פילבאַדייטנדיקע נאָטיץ: „משה האָט פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך די פלייש־

טעפּ פון מצרים. מיר ווילן נישט פאַרגעסן..." (כדי די יידן זאָלן, בעתן וואַנדערן דורך דער מדבר, נישט ווילן צוריקקערן קיין מצרים).

אָט אין דעם ליגט טאַקע דער גאַנצער אינערלעכער אַנטאַגאָניזם צווישן הערצלען און אחד העמען (אַן אַנטאַגאָניזם, וועלכער איז הערצלען נישט געווען — און ער האָט אים נישט געקאָנט זיין — קלאָר, און אחד העם האָט אים געזען און געפילט אין אַלע דעטאַלן און קוים אויפכאַפּבאַרע ניואַנסן): אחד העם וויל נישט קיין אויפלעבונג אויפן פונדאַמענט פון פּסיכישע פליישטעפּ פון אונזער טויט מצרימס, — ער וויל גייסטיק דערציען דאָס פאָלק אַזוי, אַז ער זאָל פיינט קריגן די דאָזיקע מצרישע פליישטעפּ, כדי ער זאָל גראָד אין זיי זען דעם סימבאָל פון זיין דעגענעראַציע, אין זיין צוגעבונדנקייט צו זיי, און נישט אין דעם, וואָס ער האָט נישט קיין א י י ג ע נ ע מצרישע פליישטעפּ.

* * *

די געשיכטע פון אחד העמס קאַמף מיט הערצלען איז אויסטערליש ביז פאַנטאַסטישקייט.

הערצל האָט דאָך נישט דערפונדן דעם ציוניזם. ביז הערצלען איז געווען אי דער פּאַסיווער טרוים פון אַ גאַנצן פאָלק וועגן צוריקקערן קיין ציון, אי די אַקטיווע אויפבליצן פון אַלערליי משיחים, — פון אַ פּאָליטישן משיח־ציוניסט, ווי דאָס איז געווען דוד ראובני, ביז דעם מיסטישן שבתי צבי, וועלכער האָט געגעבן אַ שטויס כמעט צו אַן אמתן נייעם יציאת־יידן פון דער מצרישער קנעכטשאַפט.

אויך ביז הערצלען זענען אין ניינצנטן יאָרהונדערט אויפגעקומען אין יידישן לעבן (און אפילו אין געדאַנק פון קריסטן) אַלערליי ציוניסטישע שטרעבונגען — אידעאָלאָגישע און פּראַקטישע: משה העס, דער רב קאַלישער און ד"ר לעאָן פינסקער האָבן געשריבן ציוניסטישע טראַקטאַטן (מער איבערצייגנדיקע און טיפערע פאַר הערצלס „די יידישע מלוכה"), און די

„בילו"יים און די חובבי ציון האָבן פּראַקטיש אָנגעהויבן צו קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע.

דאָס אַלץ איז געווען פאַר הערצלען, און הערצל, קאָן זיך דאַכטן, האָט כמעט קיין שום נייעס נישט אַריינגעטראָגן אין ציוניזם. און דאָך האָט ער אַריינגעטראָגן אין אים עפּעס שעפעריש־נייעס: ער האָט אַריינגעטראָגן נישט נאָר אַ קאָכיקע אַקטיווקייט, נאָר די דאָזיקע אַקטיווקייט איז געווען ניי און היינטצייטיק. הערצל, האָט זיך געדאַכט, איז ממשיך אַן אַלטן טרוים, אָבער אין דער אמתן האָט ער, טרוימענדיק, איבערגעריסן דעם אַלטן טרוים פון פאָלק, ·· ער האָט גענומען טרוימען נישט פּאַסיוו, מיט בילדער, נאָר דורכאויס אַקטיוו, מיט מעשים. אפילו דער אופן פון טרוימען איז געווען אַן אַקטיווער.

און אָט דאָס דאָזיקע אַלטע (און אויך אין אַ היינטצייטיקער, אַקטיוויזירטער פאָרם, — ווייל דאָס דאָזיקע אַלטע זעט אויך אוים איבערצורייסן מיטן אַלטן, אָבער אין דער אמתן אַקטיוויזירט זי עס, זאָרגט פאַר זיין אומאויפהערלעכער עוואָלוציע) האָט פאַרצאַמט הערצלען דעם וועג אין דער פּערזאָן פון אחד העמען.

אַ פאַנטאַסטישער אידעאָלאָגישער קורצשלוס אין אונזער גייסטיק־אַקטיוויזירטער נייער געשיכטע: הערצל איז געקומען, געזען און געזיגט טאַקע אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט אונז געבראַכט עפּעס נייעס, וואָס איז ביז איצט פרעמד געווען אונזער לעבן, ·· ער האָט באַצויבערט און דעראָבערט אונזער פאָלקספאַנטאַזיע מיט זיין אַנטיטעזע צום געוויינטן פלוס פון אונזער לעבן, — אָבער פון די טיפענישן פון דאָזיקן דורך אים באַצויבערטן און דעראָבערטן לעבן האָט זיך תיכף אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון קעגן־אַקציע, פון קעגן־ווירקונג קעגן דאָס נייע און פרעמדע, קעגן דער פאַרבלענדנדיקער פאַרבלאָנדזשעניש, וואָס פירט אַריין אין אַ נס ון.

די שריפה פון געדאַנק, וואָס איז אויסגעבראָכן פון דאָזיקן צוזאַמענשטויס, פון דאָזיקן אידעאָלאָגישן קורצשלוס,

שמידט אוים דעם סינטעז פון אונזערע אויפלעבונג־אידעאלן. און די דאזיקע שריפה פון געדאנק פארדינט א ספעציעלע אויספארשונג, וואס קאן נישט טראגן קיין פאסיקערן נאמען, ווי „אחד העם און הערצל".

ג.

שווער פארצושטעלן זיך מער קעגנגעזעצטע בליקן אויפן מהות פון יידישער נאציאנאליטעט, ווי די פון הערצל און אחד העם.

הערצל שרייבט: „א נאציע איז א היסטארישע גרופע פון מענטשן מיט בולטע סימנים פון א קאלעקטיוו, פארייניקטע דורך דעם, וואס זיי האבן א געמיינזאמען שונא. דער שונא פארוואנדלט אונז אין א פאלק קעגן אונזער ווילן".

די דאזיקע דעפיניציע פון א נאציע, וואס פון אנהויב האט זי אלע סימנים פון אן אביעקטיוו־וויסנשאפטלעכן סטיל, באווייזט פלוצלונג איר עכט סוביעקטיוו־פובליציסטיש פנים. די דאזיקע דעפיניציע פון א נאציע איז געבוירן געווארן דורך דער אנטוישונג פון אן אסימילאטאר מיט א גרויסער דאזע פון זעלבסטווירדע: דער שונא צווינגט אונז צו זיין א נאציע, איז דארפן מיר דאס זיין — אפילו קעגן אייגענעם ווילן.

ווי דיאמעטראל קעגנזעצלעך דאס איז צו אחד העמס בליק אויפן זעלבן ענין!

לויט אחד העמען באשטייט דער עיקרדיקער אינהאלט פון דער יידישער געשיכטע אין דעם, וואס דאס יידישע פאלק האט געשטרעבט פאר יעדן פרייז צו זיין א נאציע קעגן דעם ווילן פון זיינע שונאים. לויט זיין מיינונג, איז אפילו דער יידישער אוניווערסאליזם (דער אנשפאר־פונקט פון דער אידייאישער אסימילאציע אין איר קאמף קעגן דעם נאציאנאליזם פון דער יידישער רעליגיע און קעגן דעם יידישן נאציאנאליזם בכלל) געבוירן געווארן אין גלות בבל טאקע צוליב נאציאנאלע מאטיוון.

דער נאַציאָנאַלער ווילן פון הערצלען איז אַן אויסערלעכער (לכל הפחות פון אָנהויב איז ער געווען אַזאַ); דער נאַציאָנאַלער ווילן פון אחד העמען איז אַן אינערלעכער. און דער דאָזיקער אונטערשיד לאָזט זיך מערקן אין די קלענסטע פּרטים פון זייער צוגאַנג צו דער יידישער נאַציאָנאַלער אידייע: הערצל האָט אַלץ געבויט פון דרויסן; ביי אחד העמען איז אַלץ אויסגעוואַקסן פון אינעווייניק. און דעריבער איז פאַרשטענדלעך די שאַרפקייט אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן אחד העמען און דעם הערצלשן ציוניזם.

אין זיין קליינינקן אַרטיקל צום 25־טן יאָרצייט פון ד"ר פּינסקער, שרייבט אחד העם:

„אין קעגנזאַץ צו די ציוניסטישע פירער (ער מיינט דאָ הערצלען און נאָרדוין — י. ר.), וועלכע זענען געקומען נאָך אים, באַזונדערס אין מערב־אייראָפּע, האָט פּינסקער אינם געדאַנק פון „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" געזוכט קודם־כל נישט קיין אויסלייזונג פון אויסערלעכע ליידן, נאָר אַ מיטל צוריקצוקערן אונזער פאָלק זיין ערע און צוריק אויפלעבן דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער ווירדע א י ן א ו נ ז ג ו פ א".

און ווייטער:

„און דאָ האָבן מיר פאַר זיך נאָך אַמאָל דעם טיפן אונטערשיד צווישן פּינסקערס אויפפאַסונג און דער אויפפאַסונג פון די אויבנאָנגערופענע ציוניסטישע פירער. אויך זיי זעען נישט אין דער עמאַנסיפּאַציע די ענדגילטיקע לייזונג פון דער יידישער פראַגע, אָבער זיי מאָטיווירן דאָס מיט דעם, וואָס אַ פולע עמאַנסיפּאַציע איז אַן אומדערגרייכבאַרער אידעאַל, ווייל די עמאַנסיפּאַציע וועט זיך קיינמאָל נישט קאָנען פאַרווירקלעכן אין דער פולער מאָס און במילא איז נישט נאָר וואָס זי ליקווידירט נישט דעם אַנטיסעמיטיזם, נאָר פאַרקערט — זי גיט אים צו כוח. אָבער אַ חוץ די דאָזיקע פּראַקטישע מאָטיוון (וועלכע ער האָט אויך באַמערקט), זעט פּינסקער אין דעם פאַקט גופא פון עמאַנסיפּאַציע (וועלכן די היסטאָריקער פון אונזער

פאָלק שילדערן געוויינלעך אַלס גרויסן נאַציאָנאַלן זיג, מיט וועלכן מיר מעגן שטאָלצירן) — אַ גרויסע נאַציאָנאַלע דערנידעריקונג, וואָס וואָלט געווען באַדאַרפט באַדעקן אונזערע פּנימער מיט חרפּה, ווען מיר וואָלטן פאַרמאָגט כאָטש אַ האָר נאַציאָנאַלן שטאָלץ. קיין שום פאָלק, אַחוץ אונז, נויטיקט זיך נישט אין עמאַנסיפּאַציע".

דאָס איז נישט קיין פּאָלעמישער טריק קעגן פּאָליטישע קעגנער, — דאָס איז דאָס געפיל פון טיפער קעגנזעצלעכקייט אינם עיקר, דאָס איז דאָס געפיל פון עפּעס פרעמדס, פון עפּעס אידייאיש־ און לעבנס־פיינטלעכס.

ווען מען לייענט הערצלס „טאָגביכער", ווען מען זעט די פרישע שפּורן פון די נאָר וואָס געבוירענע געדאַנקען פון דער „יידישער מלוכה", הויבט מען אָן צו זען דעם גאַנצן טיפן תהום, וואָס איז געלעגן צווישן אחד העמם ציוניזם און הערצלס.

„די כהנים גדולים, — שרייבט הערצל, — וועלן זיין געקליידעט אין פּרעכטיקע ראַסעס; אונזערע קיראַסירן וועלן טראָגן געלע הויזן, ווייסע שינעלן. אונזערע אָפיצירן — זילבערנע העלמען".

קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן, אַז אין אחד העמס קאָפּ זאָל אַנטשטיין אַזאַ טרוים? טאָמער זענען נאָך ווייניק די כהנים גדולים (לויטן מוסטער פון די קאַרדינאַלן), קומען נאָך צו געל־הויזנדיקע קיראַסירן! אחד העמס שטרעבן צו ציון איז דער עיקר אַרויסגערופן געוואָרן דורכן פאַרלאַנג פּטור צו ווערן פון פרעמדע איינפלוסן, דורכן פאַרלאַנג צו אַנטוויקלען זיך זעלבשטענדיק, לויט דער אייגענער — אינערלעכער! — נאַציאָנאַלער ליניע. און מיט אַמאָל — טרוימען וועגן געלע הויזן פון „אונזערע" קיראַסירן!

שטעלט זיך אדרבא פאָר אַזאַ געדאַנק אין אחד העמס קאָפּ, און איר וועט דערפילן, ווי מאָנסטריאָז ער איז.

און ווייטער:

„אַריבערפירן דעם רבי פון סאַדעגורא, מאַכן אים פאַר אַזאַ מין בישאָף פון אַ פּראָווינץ".

עס איז נישט וויכטיק, צי אחד העם האָט בשעתן געוווסט די דאָזיקע אַלע פּרטים פון די „טאָגביכער" אָדער נישט (נישט אַלץ איז דאָך דערנאָך אַריינגעקומען אין דער „יידישער מלוכה" און אין „אַלטניילאַנד"), — ער האָט געפילט, אויפן סמך פון דער „יידישער מלוכה" און „אַלטניילאַנד", אַז ער האָט פאַר זיך אַ קראַפט, וואָס איז צוגעטראָטן אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק אויסערלעך, וואָס וויל אַריבערנעמען ביי די מצרים זייערע פלייש־טעפּ, כדי נישט צו בענקען נאָכן פאַרלאָזענעם מצרים, וועלכן מען האָט מיטגענומען מיט זיך אין זיך.

„אויפן וועג צום Grand Prix און צוריק זענען מיר געקר־מען די הויפּט־שטריכן פון דעם ראַזשם קאָראָנאַציע און פון דועל".

די דאָזיקע נאָטיץ פונם „טאָגבוך" באַווייזט ביז גאָר קלאָר דעם אויסערלעכן, מעכאַנישן כאַראַקטער פון הערצלס יידישער מלוכה, — ער טרוימט וועגן אויסלייזן די יידן און די גאַנצע צייט קוקט ער זיך אַרום וואָס מען וואָלט אַלץ געוועז געקאָנט קאָפּירן, ווייל פון אינעווייניק זענען פאַר אים נישט אויפגעשוומען קיין שום קלאָרע פאָרשטעלונגען. דערפון נעמען זיך אי דער קאָסטיום פונם כהן־גדול, אי די קאָראָנאַציע פון ראַזש, אי די הויזן פונם קיראַסיר, אי דער דובליקאַט פונם "Cafe Champs Elisees" און דער אידעאַל פון דועל.

אפילו אין דער צייט פון פיבערדיקן פירן די „טאָגביכער" פלעגט הערצל אַליין צייטנווייז פילן דעם מעכאַנישן כאַראַקטער פון זיין וויזיע, ער פלעגט באַמערקן, אַז אַלץ נעמט ער פון אויסן, דורך קאָפּירן, און ער פאַרשרייבט:

„אָבער נישט נאָר קאָפּירן פּאַריז, פלאָרענץ און אַזוי ווייטער, — מען דאַרף אויך זוכן דעם יידישן סטיל (דאָס דאָזיקע וואָרט „זוכן" אָנשטאָט דעם אין דאָזיקן פאַל נאַטירלעכן „שאַפן", ווען מען רעדט וועגן סטיל, איז זייער כאַראַקטעריסטיש — זוכן אַ סטיל איז עפּעס אויסערלעכס, זוכן זוכט מען

— אין דרויסן — י. ר.), וואָס דריקט אויס פאַרלייכטערונג און פרייהייט.

„רחבותדיקע פרייַלעכע זאָלן אויף זייַלן".

און הערצל האָט אפילו נישט באַמערקט, אַז אויך דאָ, ביים זוכן דעם יידישן סטיל אויף איבערצוגעבן די געפילן פון אויסלייזונג און פרייהייט, קאָפּירט ער עפּעס פרעמדס און אויסערלעכס.

פאָרשטעלן זיך דעם אויסדרוק פון יידישן סטיל אין עפּעס אויסערלעכס — צי קאָן מען זיך דאָס גאָר פאָרשטעלן ביי אחד העמען?

אָבער אויב דער תהום צווישן אחד העמען און הערצלען קאָן נאָך פאַרטיפט ווערן, געשעט דאָס ביי דער פראַגע וועגן דער שפּראַך אין דער יידישער מלוכה.

הערצל שרייבט אין זיין „טאָגבוך":

„מיר וועלן זיך אָפּגעוווינען פון רעדן אויף פאַרשידענע זשאַרגאָנען, „יידיש טייטש", וואָס האָבן געהאַט אַ זין און אַ באַרעכטיקונג בלויז אַלס געהיימע שפּראַך פון ארעסטאַנטן".

מיר ווייסן שוין פונם ערשטן קאַפּיטל פון אונזער אַרבעט, ווי נעגאַטיוו, ווי פאַנאַטיש־נעגאַטיוו אחד העם האָט זיך באַצויגן צו יידיש; אָבער ווי פאַרשידן עס איז אחד העמס נעגאַטיווע באַציאונג פון הערצלס.

הערצל וואַרפט אָפּ יידיש צוליב אַ ריין־אויסערלעכער סיבה: דאָס איז נישט קיין סאָלאָנפעאיקע שפּראַך. ער קוקט אויף דער דאָזיקער שפּראַך מיט די אויגן פון זיין אַנטיסעמיטישער סביבה. אחד העם האָט אָבער פּייגט יידיש דערפאַר, ווייל ער צעשפּאַלט, לויט זיין מיינונג, די איינהייט פון דער יידישער קולטור, — ווי מיר זעען, אַ סיבה אַן אינערלעך־קולטורעלע. אחד העם וויל שפּינען דעם אַלטן פאָדים פון דער יידישער קולטור, און יידיש, לויט זיין מיינונג, שפּינט אַ נייעם פאָדים. און דער דאָזיקער נייער פאָדים נישט נאָר ער שפּאַלט די איינהייט פון אונזער קולטור, — ער הויבט אָן אַלץ פון אָנהויב; איז ער במילא נישט קיין המשך און ער וויל פאַר־

בייטן עפּעס ריזיק־ווערטפולס אויף עפּעס וויניק־ווערטפולס.

ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צו די דאָזיקע געדאַנקען פון אחד העמען, — זיי האָבן זייערע טיפע וואָרצלען אין זיינע בליקן אויף יודאַאיזם, אויפן מהות פון דער יידישער קולטור; זיי האָבן וואָרצלען אין זיין געפיל פון דער איינהייט פון דער יידישער געשיכטע, אין זיין געפיל פון איר נישט־איי־בערגעריסענער לעבעדיקייט.

און דעריבער פאַרבייט אחד העם יידיש אויף העברעאיש, אָדער ריכטיקער: ער וויל נישט, אַז יידיש זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון העברעאיש. דאָס איז אַן אידייאישע נעגאַציע, אָבער הערצלס נעגאַציע איז אַ ריין־אויסערלעכע, דערביי אַ טיף־באַ־ליידיקנדיקע, אַן אָנגעהויכטע מיט דער פרעמדער באַציאונג.

און דעריבער ווערט זיין נעגאַציע נישט דערגאַנצט מיט עפּעס פּאָזיטיוום. ער שרייבט אינם „טאָגבוך”:

„די שפּראַך וועט פאַר אונז נישט זיין קיין שטערונג. אויך שווייצאַריע איז אַ פעדעראַטיווע מלוכה פון פאַרשידענע נאַ־ציאָנאַליטעטן.

„מיר פּראָקלאַמירן זיך אַ נאַציע לויט דער רעליגיע (ווי טיפּיש פאַר דער אַסימילאַציע, וואָס אַליין גלויבט זי נישט אין דער יידישער רעליגיע, אָבער זי דינט איר אַלס אויסערלעכער „ערזאַץ” פאַרן נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס פעלט איר — י. ר.). אגב, צוליב נויטווענדיקייט (Par la force des choses) וועט די דייטשע שפּראַך דאַרפן ווערן די שפּראַך פון דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע.

„יידנדייטש”, ווי אַ געלער פלעק פאַר אַן אָרדן!

„איך האָב גאָרנישט קעגן פראַנצויזיש אָדער ענגליש!”

אָט וואָס פאַר אַן אונטערשיד! אחד העם איז אַ קעגנער פון יידיש צוליב נאַציאָנאַלע מאָטיוון: יידיש צעשטערט פאַר זיין געפיל און געדאַנק די האַרמאָניע פון דער אחד־העמישער יידישער וועלט־אַנשויאונג; הערצל אָבער איז אַ קעגנער פון יידיש צוליב אינערלעכער אַסימילירטקייט. אחד העם שטעלט אַנטקעגן זיין נאַציאָנאַלער נעגאַציע עפּעס נאַציאָנאַל־פּאָזי־

טיווס; הערצל אָבער שטעלט אַנטקעגן זיין אַסימילאַטאָרישער נעגאַציע עפּעס אַסימילאַטאָריש פּאָזיטיווס: ער איז טאָלעראַנט צו אַלע שפּראַכן, אַ חוץ צו יידיש. און וועגן העברעאיש זאָרגט ער בכלל נישט, אָדער זייער ווייניק.

ניין, דער אַנטאַגאָניזם צווישן אחד העמען און הערצלען איז נישט געווען קיין ענגער פּאָליטישער אַנטאַגאָניזם; זייער קאַמף איז געווען דער דראַמאַטישסטער קאַמף צווישן נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע אין שוים פון איין און דערזעלבער אידייע.

אין יאָר 1918 (12/8) שרייבט אחד העם צו ד"ר וויצמאַן וועגן יידישן אוניווערזיטעט אין ירושלים:

„...נישט קיין פּשוטע קאָפּיע פון אַן אייראָפּעאישן אוניווערזיטעט, אין וועלכן עס וועט הערשן די העברעאישע שפּראַך, נאָר אַן אוניווערזיטעט, וואָס פון סאַמע אָנהויב פון זיין גרינדונג זאָל ער זיך באַמיען פאַרקערפּערן אויף אַן אמת דעם אוראַלטן יידישן גייסט און אָראָפּוואַרפן פון זיך די גייסטיקע און עטישע קנעכטשאַפט, דעם יאָך פון וועלכער אונזער פאָלק האָט אַזוי לאַנג געטראָגן אין די גלות־לענדער".

אחד העם מאַכט קיין שלום נישט מיט קיין שום אויסערלעכס, אויב אפילו דאָס דאָזיקע אויסערלעכע איז זיין געליבטע העברעאישע שפּראַך; הערצל אָבער פילט נישט די פרעמדקייט אפילו פון די אייראָפּעאישע שפּראַכן.

פאַר הערצלען איז גענוג אַרויסצוטרייבן פון דער יידישער מלוכה יידיש און אויסבויען רחבותדיקע זאַלן מיט זיילן, כדי צו פילן זיך אַלס פרייער ייד. פאַר אחד העמען איז נישט גענוג אפילו אַ העברעאישער אוניווערזיטעט, ער וויל אַרויסטרייבן די איינגעגעסענע קנעכטשאַפט פון די פאַלדן פון אונזערע מוחות און פון דער פּולסאַציע פון אונזערע הערצער.

דער קאַמף צווישן הערצלען און אחד העמען, אָדער ריכטיקער — צווישן דעם אחד העמיזם און הערצלס פּאָליטישן ציוניזם איז דער דראַמאַטישסטער און טיפסטער נאַציאָנאַלקולטורעלער קאַמף פון אונזער נייסטער געשיכטע אין איר לעצטער פאַזע — אין דער נאַציאָנאַלער.

מיניאטורן וועגן אחד העמס פּערזענלעכקייט

אין לעצטן פערטל פון 19־טן יאָרהונדערט, איז אונזער געשיכטע געווען רייך מיט שעפערישע פּערזענלעכקייטן. צווישן זיי האָבן נישט די לעצטע ראָל געשפּילט אויך פּובליציסטן־דענקער: דער פּיאָנער פון מאָדערנעם יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק פּרץ סמאָלענסקין; דער געניאַלער פּובליציסט־מעטעאָר ד״ר לעאָן פּינסקער; דער פייערדיקער מ. ל. ליליענבלום. וועלכער האָט געזוכט אַ וועג פאַר זיך און וועלכער האָט מיטגעריסן נאָך זיך אין זיינע פיבערדיקע זוכענישן אַ גאַנצן דור, און נאָך אַ סך אַנדערע לויכטנדיקע טאַלאַנטן־פּערזענלעכקייטן, ווי אהרן ליבערמאַן, אורי קאָוונער, יחיאל מיכל פּינעס, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אויף זיין אופן באַרייכערט און באַפרוכפּערט אונזער נייעם נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. אָבער אין דער דאָזיקער גאַנצער גלענצנדיקער פּלעיאַדע איז נישטאָ נאָך אַזאַ מאָנאָליטיש־האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט, ווי אחד העם.

היינען האָט מען פאָרגעוואָרפן, אַז ער פאַרמאָגט אָן ספק אַ גרויסן טאַלאַנט, אָבער דערפאַר פאַרמאָגט ער נישט קיין כאַראַקטער; אַלס ענטפער דערויף האָט דער שאַרפצונגיקער, שאַרפוויציקער היינע אין זיין „אַטטאַ טראָל" אַ שליידער געטון אין איינעם פון די דעמאַסקירער פון גרויסן דיכטערס כאַראַקטערלאָזיקייט פאָלגנדיקע גיפטיקע פייל: „נישט קיין טאַלאַנט, דערפאַר אַ כאַראַקטער".

זייער זעלטן ווערן מענטשן באַשאָנקען סיי מיט טאַלאַנט, סיי מיט כאַראַקטער. און צו די דאָזיקע זעלטענע טרעגער פון

ביידע קרוינען געהער אָן ספק אחד העם: אי אַ טאַלאַנט, אי אַ כאַראַקטער. און אויב זיין טאַלאַנט האָט געפונען אַ בלענדנ־דיקן אויסדרוק און אַ גלענצנדיקע פאַרקערפּערונג אין די פיר בענדער פון זיינע אַרטיקלען „על פרשת דרכים”, האָט זיין כאַראַקטער געפונען אַ קלאָרן אויסדרוק אין די זעקס בענדער פון זיינע בריוו, אויסגעווײלט און אַרויסגעגעבן דורכן מחבר גופא (אַ זעלטענע דערשיינונג, וועלכע דער מחבר דערקלערט אין זיין קורצן פאָרוואָרט צו זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם, וואָס היות ווי זיין קראַנקהייט לאָזט אים זיך נישט פאַרנעמען מיט שעפערישער אַרבעט, מוז ער זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ ריין־טעכנישער, פאַר אים אויספירבאַרער אַרבעט, ווי דאָס רעדאַגירן זיין אייגענע קאָרעספּאָנדענץ).

וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין די דאָזיקע וואָכעדיקע בריוו, אַלץ מער הויבט מען אָן צו פאַרשטיין און אַכטן די דאָזיקע האַרמאָנישע פערזענלעכקייט, — די האַרמאָניש־גאַנצע, און דאָך די אייגנאַרטיק־קאָמפּליצירטע.

א. דער טאָלעראַנטער פאַנאַטיקער

וואָס, דאַכט זיך, קאָן זיין סתירהדיקער ווי טאָלעראַנץ און פאַנאַטיזם? און דאָך איז אחד העם, דער עכטער פאַנאַטיקער פון זיין אידייע, געווען נישט נאָר אַ טעאָרעטישער אָנהענגער און פּרעדיקער (אין זיינע אַרטיקלען) פון דער טאָלעראַנץ־אידייע, נאָר ער האָט אויך פּראַקטיש פאַרווירקלעכט די דאָזיקע אידייע אין זיין לעבן מיט דעם זעלבן פאַנאַטיזם, מיט וועלכן ער האָט געקעמפט פאַר זיין מאָנאָגאַמער אידייע פון דער זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק.

אין אַ בריוו צו אַ צווייטן פאַנאַטיקער פון דער יידישער אויפלעבונג, צו אוסישקינען (פון 28/3/1912) שרייבט אחד העם:

„ווייל איך אונטערשייד זיך פון דיר, ברודער מיינער, אָט מיט וואָס: איך דערלויב אויך אַנדערע דאָס, וואָס איך דערלויב

זיך; און דו דערלויבסט נאָר זיך, אָבער נישט די אַנדערע״.

אחד העם האָט געפאָדערט פאַר זיך דאָס רעכט צו זיין אַ פאַנאַטיקער פון זיין אידייע און דאָס רעכט צו פרעדיקן זיין אידייע, און דעריבער האָט ער אָנערקענט פאַר אַנדערע די זעלבע רעכט.

אַלס רעדאַקטאָר פלעגט ער זיך קיינמאָל נישט דערלויבן צו דערשטיקן אינגאַנצן אָדער טיילווייז די מיינונגען פון זיינע קעגנער. אַלס מענטש פלעגט ער אַנטקעגנטראָגן זיין הילף זיינע קעגנער מיט אַ הילפגרייטקייט, וואָס איז זעלטן אויך צווישן נישט קיין פאַנאַטיקער פון אַ וואָסער נישט איז אידייע. אין אחד העמס בריוו איבערראַשט טאַקע אָט די דאָזיקע ראַפינירטע פעאיקייט אָפּצוטיילן די ספערע פון אידייאישן קאַמף פון דער ספערע פון פערזענלעכע באַציאונגען (איך וואָלט געזאָגט: די ספערע פון בין אדם לאידייע און בין אדם לחברו). דאָס פערזענלעכע און דאָס אידעאָלאָגישע מישן זיך ביי אים קיינמאָל נישט אויס, און במילא ווערט די קלאָרקייט פון זיין נשמה קיינמאָל נישט געטריבט דורך דעם.

באַזונדערס בולט טרעט אַרויס דער דאָזיקער זעלטענער איידעלער שטריך אין זיינע באַציאונגען מיט בן־ישראלן, דעם יונגן, צוזאָגנדיקן פובליציסט, וועלכער איז געשטאַנען, אין דער אָפּשאַצונג פונם יודאַאיזם, אויף אַ קעגנזעצלעכן שטאַנדפונקט פון אחד העמס.

בן־ישראל האָט געהערט צו דער קליינער גרופע טעאָרעטיש־זיך־קריסטלענדיקע אין אונזער פובליציסטיק. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טאַלאַנט און מיט דער גראַניטענער אומדערשיטערלעכקייט פון זיינע מיינונגען איז אחד העם אַרויסגעטרעטן קעגן די דאָזיקע געציילטע (וואָס בילדן, אגב, אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג אינם גייסטיקן לעבן פון אונזער איבערגאַנג־תקופה) און, נאַטירלעך, אויך קעגן בן־ישראלן. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו באַמיען זיך וועגן אַ סטיפענדיע פאַרן דאָזיקן באַגאַבטן יונגן מענטשן, כדי אים געבן אַ מעגלעכקייט צו שטודירן אין דער שווייץ.

ווען בן־ישראל איז קראַנק געוואָרן אויף אַ נערוון־קראַנקהייט (וועלכע האָט אים שפּעטער דערפירט צו זעלבסטמאָרד), טוט אחד העם אַלדאָס מעגלעכע, כדי צו געבן אים אַ מעגלעכקייט צו היילן זיך. היות צוליב בן־ישראלס אַ נייעם, שטאַרק־זיך־קריסטלענדיקן אַרטיקל איז פאַר אחד העמען אוממעגלעך נאָכאַמאָל זיך ווענדן צו וויסאָצקין נאָך געלט פאַרן קראַנקן שרייבער, ווענדט ער זיך צו ש"י א"ש הורוויץ (דעם אידעאָלאָגיש נאָענטן צו בן־ישראלן און דערביי דעם רעדאַקטאָר פון בן־ישראלס עטלעכע אַרטיקלען) מיט אַן אויפפאָדערונג צו העלפן דעם ליידנדיקן קעגנער (הגם ער האָט אָפן סימפּאַטיזירט מיט אַ גרופּע שרייבער, וועלכע האָבן באַקעמפט אחד העמס אידייען).

ווען מען לייענט אחד העמס אויבנדערמאָנטן בריוו צו ש"י איש הורוויצן (אין פערטן באַנד פון „אחד העמס בריוו", דער בריוו פון 24/3/1912) און מען פאַרגלייכט די דאָזיקע זאָרג אחד העמס פאַרן געזונט פון אַ קעגנער מיט דער באַציאונג פונם רוב שרייבער צו קאָלעגן פאַר אַ נישט־אינגאַנצן פּאָזיטיווע רעצענזיע, — הויבט מען ערשט דאַן אָן צו זען אין איר גאַנצער קרישטאָלענער ריינקייט דעם כאַראַקטער פון אחד העמען, דעם דאָזיקן פאַנאַטיקער פון זיין אידייע, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַזויפיל ט ע ט י ק ע טאָלעראַנץ צו זיינע שאַרפסטע אידעאָלאָגישע קעגנער, וועלכע האָבן באַקעמפט אים און זיינע אידייען.

אחד העם האָט דאָך געהאַט אַ לייכטע מעגלעכקייט צו מאַסקירן זיין פערזענלעכע נוקם־ונוטרדיקייט מיט קנאות פאַר דער אידייע, ווי דאָס טוען באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק אויף יעדן שריט און טריט די פאָרשטייער פון די פאַרשידנסטע רעליגיעס, פון די פאַרשידנסטע וויסנשאַפטלעכע און אידייאישע אמתן און אפילו פון ליטעראַרישע שטרעמונגען; אָבער ער, וועלכער האָט גוט געוווסט וועגן דער דאָזיקער פעאיקייט פון מענטשלעכן גייסט צו מאַסקירן פערזענלעכס מיט אַלגעמיינעס, איז געשטאַנען אויף דער וואַך און אויסגעמיטן די דאָזיקע געפאַר.

אחד העם

ער איז געווען אַ פֿאַנאַטיקער פֿון זיין אידייע, ער האָט מקריב געווען פֿאַר איר אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט, אָבער נישט דאָס, וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס העכסטן אייגנטום און אַלס גרעסטע דערגרייכונג פֿונם מענטשן: די ליבע צום אמת און צו גערעכטיקייט, — דאָס הייסט די צוויי קרוינען פֿון אחד העמס העכסטער ליבע — פֿון יידנטום.

דער פֿאַנאַטיזם פֿון זיין ליבע צום אמת און צו גערעכטיקייט איז געווען שטאַרקער פֿאַרן פֿאַנאַטיזם פֿון זיין אידייע.

אחד העם איז געווען אַ טאָלעראַנטער פֿאַנאַטיקער דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען אַ פֿאַנאַטיקער פֿון טאָלעראַנץ.

און זיינע בריוו זאָגן עדות, אַז ער האָט פּראַקטיש אויסגעפֿירט זיינע טעאָרעטישע פֿאָדערונגען צו זיין טאָלעראַנט נישט נאָר צו זיך, נאָר אויך לגבי יענעם, אפֿילו אויב ער איז אַ קעגנער.

פֿאַר אחד העמען זענען כאַראַקטעריסטיש זיינע פֿאָלגנדיקע ווערטער:

„צי דער ציוניזם וועט ברענגען די גאולה דעם פֿאָלק נישט — דאָס וועט די צוקונפֿט ווייזן; אין דער קעגנוו אָבער האָט ער אונז געבראַכט זייער אַ שלעכטע מידה אומטאָלעראַנץ, וואָס אַזוינס איז נישטאָ ביי אַלע סעקטעס ביי יידן".

ב. דער נישט־דאָגמאַטישער ר

אין אַ בריוו צו ש. דובנאָוון (פֿון
אחד העם: „דו ווייסט דאָך, אַז איך בי
דריקן מיינע געפֿילן „אויפֿן קול". אַ י
בכלל נישט פּעאיק אויפֿצורעגן זיך
עס איז אָבער דאָ אין מיין כאַראַ
לאָזט מיר נישט, קעגן מיין ווילן, ז

האָט נישט פאַרשטאַנען. ווי עס שיינט, האָט אחד העם געליטן אין דער שטיל פון דעם, וואָס מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ טרוקענעם ראַציאָנאַליסט, וועלכער ליידט פון אַ היפּערטראָפיע פון לאָגיק אויפן חשבון פון לעבעדיקן געפיל.

און איך האַלט, אויפן סמך פון אחד העמס אַרטיקלען און בריוו, אַז ער איז גאָר נישט געווען אַזוי טרוקן, ווי עס דאַכט זיך אייניקע, אָדער ווי עס האָט זיך עמיצן אַמאָל געוואָלט, אַז אַנדערע זאָל זיך עס דאַכטן. אָבער דאָך איז אַפילו פון אויבנ־ציטירטן בריוו קלאָר, אַז דער הערשנדיקער עלעמענט ביי אחד העמען איז געווען נישט דאָס געפיל, נאָר דער שכל, די לאָגיק, דער נאַקעטער אמת פון דער ווירקלעכקייט. פונקט ווי ער רעכנט זיך נישט מיט זיינע אייגענע געפילן און האַלט זיי אין אַן אייזערנעם צוים, רעכנט ער זיך אויך נישט מיט די געפילן פון אַנדערע, ווען עס גייט וועגן אמת. דער דאָזיקער פאַנאַטיקער פון אמת האָט אַמאָל געשריבן — און ווידער אַמאָל מיט אַן
יפריכטיקן, טראַגישן און שטילן זיפץ — צו זיין פריינט
יובאַרסקי (דעם 2/4/1917):

„...אַך, ווען איך וואָלט געווען באַשאַנקען מיט אַביסל
„פאַנטאַזיע", וואָלט דאָס מיך געוועזן באַפרייט פון אַ
וואָס האָבן פאַרסמט מיין לעבן. אָבער מיין באַשע־
יך נישט באַשאָנקען מיטן דאָזיקן „געווירץ", און
געפינען אין דיינע דערינערונגען (וועגן אָרדן
ן אחד העם האָט געשאַפן און וועמעס אָנ־
יז די ערשטע צייט. — י. ר.) איבערטריי־
יכף דערפילן ווי אַ שטאָך אין לעבעדיקן

יער שרייבט ער צום באַקאַנטן העב־
זטיין (דעם 20/4/1913) אויף דער

אַז זי זאָל זיין ריין פון יעדער מין פעלשונג און עס זאָל זיך צו מיר נישט צוקלעפּן קיין שפּור פון אַ אילוזיע. צי ברענגט דאָס צעשטערן פון אַ אילוזיע נוצן אָדער שאָדן פאַרן לעבן פון אַ קאָלעקטיוו — די דאָזיקע פראַגע האָב איך זיך קיינמאָל נישט געשטעלט ווען איך בין צוגעטראָטן צו שרייבן דעם אַר־טיקל („אַ פּרווו, וואָס האָט זיך נישט איינגעגעבן", — וועגן די „בני משה". — י. ר.), ווייל אין מיר איז שטאַרק געווען די אינערלעכע באַדערפעניש איבערצוגעבן דעם קומענדיקן דור מיין גייסטיקע געשטאַלט אָן שום פעלשונג און איך האָב אים נישט געקאָנט אַוועקלייגן אויף דער וואָג און אָפּוועגן וואָס ער וועגט איבער: זיין נוצן אָדער זיין שאָדן".

אויפן ערשטן בליק הערשט, דאַכט זיך, אין די דאָזיקע ווערטער (וואָס קאָנען דינען אַלס מאָטטאָ צו אַ בוך וועגן אחד העמען) אַן אויסברוך פון געפיל, וואָס וואַרפט אום די פעסטע וואָג פון שכל און לאָגיק, אָבער אין דער אמתן קומט דאָ ווידער צום אויסדרוק דער איבערוואָג פונם שכל איבערן געפיל: אחד העם זעט ד ע ם א מ ת וועגן „בני משה" (ווי ער האָט אַמאָל געזען ד ע ם א מ ת וועגן א"י) און ער קאָן זיך שוין נישט רעכענען נישט מיט די געפילן פון די מיטגלידער פון זיין אָרדן, נישט מיט די געפילן פון די חובבי־ציון, נישט מיט די אייגענע ספקות: און אפשר וועט ד ע ר א מ ת טויטן דאָס, וואָס מיר איז טייער? אַז דאָס איז אַזוי, באַווייזן די ווערטער פון זעלבן בריוו, וואָס קומען פאַר די אויבנגעבראַכטע:

„וואָס שייך מ י ר פּ ע ר ז ע נ ל ע ך, וואָלט איך נישט וועלן, מיין נאָמען זאָל זיין פאַרבונדן מיט אַ וואָסער־נישט־איז „לעגענדע", און אַז נאָך מיין טויט זאָל מען מיך פאַרוואַנדלען אין אַ בעל־מופת אין דער שטיל".

כדי צו קאָנען ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם פאַנאַטיזם פונם אמת, וואָס ליגט אין די דאָזיקע ווערטער, מוז מען ברענגען אַ ציטאַט פון אחד העמס „משה", וואָס באַווייזט, ווי קלאָר ער האָט געוווסט דעם היפּוך פון דעם, וואָס ער שרייבט אין זיין

בריוו און דאָך קאָן ער זיין לײדנשאַפט פאַרן אמת נישט גובר־זיין:

„נישטאָ קיין איין היסטאָרישער העלד, וואָס זיין גייסטיקע געשטאַלט איז נישט אויסגעמאָלט געוואָרן אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע אין אַ בילד, וואָס איז לגמרי אַנדערש פון דעם, וואָס ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. און דאָס דאָזיקע אויספאַנטאַזירטע בילד, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן לויט זיינע באַדערפעענישן און גייסטיקע נייגונגען, דאָס איז דער אמתער העלד, וואָס זיין השפּעה איז דויערהאַפט, האַלט אָן אַמאָל אין משך פון טויזנטער יאָרן, — אָבער נישט דער קאָנקרעטער אָריגינאַל, וואָס האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט אין דער ווירקלעכקייט און דאָס פאָלק האָט אים לגמרי נישט געזען אַזוי, ווי ער איז געווען".

אחד העם ווייס גאַנץ גוט די רעאַליטעט פון דער פאַנטאַזיע, וואָס שטייגט אָפטמאָל (אין דער געשיכטע גאָר אָפט) אַריבער די רעאַליטעט פון דער ווירקלעכקייט, אָבער ער איז גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון אייביקן לעבן צוליבן אמת, וואָס איז אָפט גאָרנישט וויכטיק, ווי ער זעט אַליין אין זיין עסיי „משה".

עס איז קלאָר, אַז אין דער פּערזאָן פון אחד העמען האָבן מיר פאַר זיך אַ פאַנאַטישן ראַציאָנאַליסט. און עס וואָלט מיך נישט געוואונדערט, ווען עס וואָלט זיך געווען אַרויסגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער ראַציאָנאַליסט איז, ווי אַלע פאַנאַטישע ראַציאָנאַליסטן, אַ דאָגמאַטיקער, וועלכער זעט בלויז די גלייכע ליניעס פון זיינע אידייען, דורכגעצייגט דורכן גלייכליניקן שכל. אָבער דאָס איז נישט אַזוי, הגם אַ סך האָבן געהאַלטן און האַלטן נאָך אויך היינט אחד העמען פאַר אַן ענגן ראַציאָנאַליסט, וועלכער גייט מיטן גלייכן וועג, נישט געקוקט אויף דער זיגזאַגיקער ווירקלעכקייט, און וועלכער איז בעסער גרייט דורכצוליגן פאַר זיך אַ וועג אין דער לופטן, וווּ עס זענען קיין שטערונגען נישטאָ פאַר דער גלייכער ליניע, איידער אָנצושטויסן זיך אויף ערדישע שטערונגען. אמת, אחד העם איז אַ

ראַציאָנאַליסט, אָבער נישט קיין דאָגמאַטישער, פונקט ווי ער איז אַ פאַנאַטיקער, וואָס איז טאָלעראַנט.

אחד העם גלויבט, אַז די לערע פון יודאאיזם, אַז די לערע פון די נביאים, איז די העכסטע דערגרייכונג פון מענטשלעכן גייסט אויפן געביט פון דער עטיק. ער באַטראַכט די יידן אַלס פאָלק פון נביאים. אָבער דערביי פאַלט ער נישט אַריין אין אַן ענגן דאָגמאַטיזם. ער האַלט, נאַטירלעך, אַז די יידישע פסיכיק, די יידישע פאָלקס־פסיכאָלאָגיע האָט אין זיך שפורן פון דער טויזנטיאָריקער השפעה פון דעם ספר־הספרים. ער גייט אָבער זייער פאָרזיכטיק צו צו דער גליטשיקער פראַגע וועגן דער פאָלקס־פסיכאָלאָגיע, אין וועלכער ער גלויבט נישט מעטאַפיזיש (אַז יעדעם פאָלק קומט אויף דער וועלט מיט אַ באַשטימטער פסיכאָלאָגיע, וואָס קאָן זיך שוין נישט בייטן), נאָר היס־טאָריש, ד. ה. אין משך פון אַ פאָלקס היסטאָרישן וועג ווערט אויסגעפורעמט זיין פסיכאָלאָגיע, און די געשיכטע פורעמט זי כסדר, הגם די שפּעטערדיקע סטאַדיעס ווערן שוין שטאַרק באַווירקט דורך די פריערדיקע. אחד העם באַשרייבט נישט איינמאָל גאַנץ דין די יידישע פסיכאָלאָגיע, אָבער ער פאַרגעסט קיינמאָל נישט, ווי אַ טייל אַנדערע ענטוזיאַסטן פון יהדות, אַז די יידישע פאָלקס־פסיכאָלאָגיע איז אַ ווערק פון דערציאונג און פון דער סביבה אין אַ ברייטער היסטאָרישער באַדייטונג פון די דאָזיקע ווערטער.

אחד העם פאַרגעסט נישט, אַז די יידישע פאָלקס־פסיכאָ־לאָגיע, וואָס איז געווען דורכאויס אַ קאָלעקטיוויסטישע, איז מיט דער צייט, אונטער דער השפעה פון געשיכטלעכן גורל, גע־וואָרן אַן עקסטרעם־אינדיווידואַליסטישע. שוין אין זיין ערשטן אַרטיקל, געשריבן אין יאָר 1889 („לא זו הדרך!”), דריקט ער שאַרף אויס דעם געדאַנק וועגן דער עקסטרעמער אינדיווידואַ־ליסטישקייט פון די יידן אפילו אין די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע פראַגן. און עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אחד העמס געדאַנק איז אידענטיש כמעט ביז אין די קלענסטע ניואַנסן מיטן זעלבן געדאַנק, וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט אַרויסגעזאָגט

אין זיין באַרימטער דערציילונג „בימי הרעש”, דערשינען כמעט אין דער זעלבער צייט, ווי אחד העמס אַרטיקל.

אינטערעסאַנט איז אויך דאָס, וואָס ביידע — סיי דער שרייבער דער סאַטיריקער, סיי דער דענקער דער ראַציאָנאַליסט — האָבן אויסגעפורעמט זייער געמיינזאַמען גערדאַנק אונטער דער פרישער השפעה פון לעבן: די פּאָגראָמען פון 1881־טן יאָר האָבן אַרויסגערופן צווישן די רוסישע יידן אַן עמיגראַציע־כוואַליע קיין פּאַלעסטינע, און אחד העם קומט צום אויספיר וועגן דעם עקסטרעמען אינדיווידואַליזם פון די יידן אויפן סמך פון די נישט צוגעפּאַסטע קאָלאָניסטן אין א"י — קאָלאָניסטן, וועלכע רעכענען זיך נישט מיט די פאָלקס־באַדערפעונישן; און מענדעלע קומט צו זיין גערדאַנק וועגן דעם עקסטרעמען אינדיווידואַליזם פון די יידן אויפן סמך פון די נישט פּאַסיקע קאַנדידאַטן פאַר קאָלאָניסטן, — קאַנדידאַטן, פון וועלכע קיין איינציקער טראַכט נישט וועגן דער פאָלקס־זאַך, צו וועלכער ער וויל זיך צוטוליען צוליבן אייגענעם נוצן.

אחד העם האָט ליב אויפצוהויבן זיך אויפן טורעם־שפּיץ פון טעאָרעטישן גערדאַנק און אָנצייכענען פון דער הויך דעם ריכטונג־שטראָם פון דער יידישער געשיכטע און די ריכטונג פון דער יידישער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, אָבער ער פאַרגעסט קיינמאָל נישט אויף זיין טורעם־שפּיץ, אַז די גרעסטע און טיפסטע טייכן ענדערן טיילווייז זייער ריכטונג און אַמאָל אפילו אינגאַנצן — זייער בעט.

פאַר אחד העמס נישט־דאָגמאַטישן שכל איז כאַראַקטעריסטיש זיין בריוו צום שרייבער און דיכטער א. גוטמאַן (ש. בן־ציון), פון 8/6/1919. אין דאָזיקן בריוו באַשרייבט אחד העם זיין צעפּייניקטע נשמה, וואָס איז טיף פאַרוואונדעט געוואָרן דורך „דער וועלט־מלחמה און דורך דעם שלום” נאָכן וועלט־מבול פון שמוץ און בלוט (אגב אורחא, דער דאָזיקער בריוו באַווייזט, אַז דער טרוקענער אחד העם קאָן זיך טיף אויפרעגן און אפילו „אויפן קול” אויסדריקן זיין אויפרעגונג —

הגם בלויז אין בריוו). און מיט אמאָל גיט ער זיך אַ קער אין דער יידישער זייט. „אמת, — שרייבט ער, — אַז מיר זענען נישט שולדיק אין דעם, וואָס דער מענטש איז אַזוי נידעריק געפאַלן און מיר האָבן קיין אָנטייל נישט גענומען (אַלס פאָלק) אין די דאָזיקע אַלע עקלדיקע מעשים. אָבער ווען איך זוך אַ טרייסט אין דאָזיקן געדאַנק, קומט צו גיין דער שטן און רייצט זיך מיט מיר מיט אַן אכזריותדיקן געלעכטער: דו נאַר איינער, אויב ביי עמיצן זענען די הענט געבונדן, שרייבט מען אים נישט צו אַלס פאַרדינסט דאָס, וואָס ער וואַרפט זיך נישט אויף אַנדערע. און פון וואַנעט ווייסטו, אַז איר וואָלט געווען בעסער פאַר אַנדערע, ווען איר וואָלט געקאָנט געשטעלט ווערן פאַר א נסיון?

„איך מיין, אַז די דאָזיקע ווינציקע שורות וועלן דיר געבן אַ מער־וויניק קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן צושטאַנד פון מיין גייסט און דו וועסט אַליין פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ צושטאַנד קאָן איך נישט אַרויפגיין אויף דער טריבונע און רעדן צום פאָלק״ (א. גוטמאַן האָט געבעטן אחד העמען עפּעס אָנצושרייבן).

ווי מיר זעען, איז אחד העם לחלוטין נישט זיכער, אַז יידן זענען תמיד און אומעטום אַ פאָלק פון נביאים (דערביי איז נישט אומאינטערעסאַנט אָנצווייזן דאָ אויף דעם, אַז די לעצטע ווערטער פון געבראַכטן בריוו־פראַגמענט זענען רירנדיק לויט זייער שרייבערישער ערלעכקייט, — וואָס דאָס איז אחד העמס איינער פון די סימפּאַטישסטע שטריכן, וועגן וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדן ווייטער).

אחד העם איז געווען אַ ראַציאָנאַליסט, — נישט אומזיסט האָט ער אַזוי ליב געהאַט און געשעצט דעם רמבם, דעם דאָזיקן גרויסן ראַציאָנאַליסט. ער איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ תלמיד פון לעצטן (דערווייל?) ראַציאָנאַליסטישן שטראָם אין אייראָפּעאישן געדאַנק — פון קאַנטס און ספּענסערס פּאָזיטיוויזם. אָבער זיין נישט־דאָגמאַטישער ראַציאָנאַליזם האָט זיך איינגעלעבט אויך מיטן איידעלן סקעפּטיציזם פון אַ יום, וועלכן אחד העם האָט אַזוי געשעצט, און מיט די נייסטע

שטרעמונגען אין דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט, וועלכע רופן אַרויס אַזוי פיל חשדים קעגן דער אַלמעכטיקייט פונם שכל און וואָס פאָדערן אויף צו שטיין אויף דער וואַך.

אַ געניער אַנאַליז פון אחד העמס פילאָזאָפישער וועלט־אָנשויאונג וואָלט געוועזן אויפגעדעקט אַ זייער אינטערעסאַנטע געשטאַלט פון אַ נישט־דאָגמאַטישן ראַציאָנאַליסט, וועלכער אָנערקענט עפּעס אַזאַ מין מאָנאַרכיע פון שכל, וואָס געפינט זיך אונטער דער געזעצגעבערישער קאָנטראָל פון אַלע אַנדערע שעפערישע כוחות פון מענטשלעכן גייסט.

ג. דער פּראַקטישער אידעאַליסט

די פּראַקטישע טוער פון די „חובבי ציון“ און פונם פּאָליטישן ציוניזם האָבן אָפטמאָל דעמאַגאָגיש געוואָלט פאַרניכטן אחד העמען, וועלכער פלעגט זיי שטאַרק באַאומרואיקן, דורך פאַראַכטנדיקע צונעמענישן: „אידעאַליסט!“, „אומפּראַקטישער טרוימער!“, אַ לעבנס־פרעמדער אידעאָלאָג!“

און עס פלעגט זיי אָפט געלינגען אַריינצופירן אין טעות די לעזער. עס איז שוין גענוג געווען צו באַמערקן, אַז אחד העם רעדט וועגן פּראָבלעמען פון גייסט, וועגן גייסטיקער אויפלעבונג, וועגן דער אויפלעבונג פון די הערצער — און דער אורטייל איז שוין געווען אַ פאַרטיקער: זיינע קעגנער זענען גערעכט.

דער נאַאיוועער לעזער פלעגט נישט באַמערקן, אַז גלייכצייטיק מיטן טיפן אַריינדרינגען אין פּראָבלעמען פון גייסט, ווייזט אחד העם אַרויס אַ זעלטענע פעאיקייט נישט נאָר אויפצוכאַפּן די רעאַלע קאָנטורן פון דערווירקלעכקייט, נאָר אויך אַריינצודרינגען אין זייער מהות; זיי פלעגן נישט באַמערקן, אַז אחד העם מאַכט זיינע „גייסטיקע“ אויספירן אויפן סמך פון אַ טיפן אַנאַליז פון דער ווירקלעכקייט.

אין דעם איז טאַקע באַשטאַנען אחד העמס עיקרדיקע טראַגעדיע: ער האָט געזען דורך און דורך די ווירקלעכקייט, ער האָט זיך באַשעפטיקט מיטן גייסט בלויז דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען, לויט אים, די לעבנסוויכטיקסטע באַדערפעניש פון

דער ווירקלעכקייט; אָבער די דאָזיקע ווירקלעכקייט, וואָס האָט
זיך געגויטיקט אינם גייסט, ווי אין קיין שום אַנדער זאַך נישט,
האָט אים פֿאַרשטויסן ווי אַ לעבנס־פֿרעמדן טרוימער!

אחד העם האָט זיך געפֿילט אין דער לאַגע פֿון אַ דאָקטאָר־
ביים בעט פֿון אַ שווער־קראַנקן, ווען עס איז נויטיק אַ ווילנס־
סטימול צו לעבן, וועלכער נויטיקט זיך אין אַ פּסיכישן טאָניק,
אָבער ער וואַרפֿט אָפּ דעם דאָקטאָרס דאָזיקע עצות, ווייל זיי־
זעען אים אויס נישט פּראַקטיש — ער דאַרף דאָך האָבן מאַ־
טעריעלע רפֿואות, וואָס מען זאָל קאָנען אָנטאַפּן, אַראָפּשלינגען.

דער דאָזיקער קראַנקער און די „זנאַכאָרעס”, וועלכע
שמייכלען זעלבסטצופֿרידן פֿון די נישט־פּראַקטישע עצות פֿונם
„אידעאַליסט”, ווייסן נישט, אַז אַ נאַרישער רעצעפּט קאָן ברענ־
גען אַ רפֿואה שלימה, ווען דער קראַנקער גלויבט אין אים,
און פֿאַרקערט: די בעסטע רפֿואות וועלן נישט העלפֿן, אויב
דער קראַנקער האָט נישט קיין ווילן צום לעבן, אויב ער פֿאַר־
מאָגט נישט קיין פּסיכישן סטימול צו קעמפֿן פֿאַרן לעבן.

אין דאָזיקן בילד איז דער גאַנצער צוזאַמענשטויס צווישן
אחד העמען מיט די פּראַקטישע „חובבי ציון”, מיט די פּאָלי־
טישע ציוניסטן.

עס טרעפֿט אָפֿט, אַז די אַזוי גערופֿענע פּראַקטיקער זענען
ווייט פֿון דער ווירקלעכקייט, בעת די אידעאַליסטן זענען נאָענט
צו איר, ווייל זיי נעמען זי אויף אין איר קאָמפּליצירטער פֿול־
קייט, — נישט נאָר פֿון דער זייט פֿון איר עפּידערמע (הויט).

און דאָס טאַקע איז געשען מיט די פּראַקטיקער פֿון די
„חובבי ציון” און פֿונם פּראַקטישן ציוניזם.

ווען עס איז אַנטשטאַנען די באַוועגונג פֿון די „חובבי
ציון”, האָט דער גלאַנץ פֿון דער אידייע אויף אַזוי ווייט פֿאַר־
בלענדט אירע אַלע אָנהענגער, אַז זיי האָבן אינגאַנצן נישט גע־
זען די ווירקלעכקייט: עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער עיקר
איז געווען צו ד ע ר ז ע ן, צו ד ע ר ק ע נ ע ן די אידייע. און
איצט, ווען די דאָזיקע אידייע איז שוין דערקענט, וועט זי
נישט אָנטרעפֿן אויף איר וועג קיין שום שטערונגען. זיי האָבן

נישט געזען די אינערלעכע — די גייסטיקע, ווי די מאַטעריעלע — שטערונגען (דאָס, וואָס די דאָזיקע אידייע איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען אין דער עמאָציאָנעלער ספערע פון די מענטשלעכע נשמות; דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן נישט קיין פיזישפאַסיקן מענטשלעכן מאַטעריאַל אויף דורכצופירן די אידייע אין דער ווירקלעכקייט); זיי האָבן נישט געזען די אויסערלעכע שטערונגען — די פּאָליטישע און געאָגראַפישע שטערונגען, די אַראַבישע פראַגע. די דאָזיקע פּראַקטישע טועך פון דער „חבת־ציון"־באַוועגונג האָט זיך געדאַכט, אַז מיטן אויפהויבן די פאָן פון דער דאָזיקער אידייע, קאָן מען זי תיכּף פאַרקערפּערן אין לעבן דורך פּראַקטישע מיטלען.

אַחד העם אָבער האָט געזען קלאָר סיי די אינערלעכע, סיי די אויסערלעכע שטערונגען. ער, וועלכער האָט נישט ליב געהאַט קיין אילוזיעס, וועלכער איז געווען אימון קעגן זייער קלעפּיקער ווירקונג, נישט געקוקט אויף זיין ראַציאָנאַליסטישער נייגונג, האָט תיכּף מיט דער גרעסטער קלאָרקייט איינגעזען, אַז דערקענען אַן אידייע הייסט נאָך נישט באַהערשן זי, הייסט נאָך נישט האָבן זי אין אייגענעם פלייש און בלוט. און ער האָט אויך געזען, אַז ווען אַ פאָלק — וואָס איז פיזיש און פסיכיש אָפּגעריסן פון דער ערד — דאַרף זיך איבעראַנדערשן אויסערלעך און אינערלעך, איז נויטיק אַ מעכטיקער הויבער און אַ מעכטיקער אָנשפּאַר־פּונקט פאַרן דאָזיקן הויבער, — אַנישט וועט דער דאָזיקער מעכטיקער הויבער בלייבן נישט ווירקזאַם. און דער דאָזיקער אָנשפּאַר־פּונקט מוז זיך אומבאַדינגט געפינען אין אונז, מיר מוזן מיטן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה אַריינזויגן אין זיך די אידיי פון אַ היימיש; באַדן אונטער די פיס. מיר מוזן נישט נאָר דערקענען די אידייע, נאָר אויך זי ליב קריגן, בענקען נאָך איר, אויסגיין ממש נאָך איר פאַרקערפּערטער פאָרם. נאָר דאַן, ווען די אידייע זויגט זיך אַריין אינם בלוט פון מענטשן, קאָן ער אַדורכרייסן אַלע שטערונגען, שרעקט ער זיך נישט פאַר קיין שום ליידן, פאַר קיין שום מאַנגל, און ער געפינט — מיטן אינסטינקט — וועגן

דאָרט, וווּ פאַר אַנדערע איז בלויז אַ טעמפּער ווינקל.

מיט איין וואָרט — אחד העם האָט תּיכּף קלאָר איינגעזען, אַז אָן אַ הלוצישער באַוועגונג איז אוממעגלעך צוצוטרעטן צו בויען אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים.

אחד העם האָט געוווּסט דאָס, וואָס ר׳ יהודה הלוי האָט געוווּסט:

„ירושלים וועט בלויז דאַן געבויט ווערן, ווען דאָס פאָלק וועט אויסגיין נאָך איר פון בענקשאַפט און וועט קושן די שטיינער אירע און איר ערד״ („כוזרי״, מאמר חמישי, סימן כ״ז).

און אחד העם, דער דאָזיקער אידעאַליסט, דער כלומרשט לעבנס־פרעמדער טרוימער, האָט אויך שוין גלייך פון אָנהויב באַמערקט (כעמט אַלס איינציקער) די אַראַבישע פראַגע מיט אַ קלאָרקייט, וואָס רופט אַרויס פאַרוווּנדערונג אויך איצט, — און טאַקע באַזונדערס ערשט, ווען אַלע זעען זי שוין.

אין זיין ערשטן אַרטיקל „דער אמת פון ארץ־ישראל״ (1891) שרייבט אחד העם פאָלגנדעס וועגן דער אַראַבישער פראַגע: „מיר, אין חוץ לארץ, זענען געוווינט צו טראַכטן, אַז אַלע אַראַבער זענען ווילדע, וועלכע געפינען זיך אויף דער מדרגה פון חיות און באַמערקן גאָר נישט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אַרום זיי. דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות. די אַראַבער, ווי אַלע סעמיטן, פאַרמאָגן אַ שאַרפן שכל און זענען זייער כיטרע... די אַראַבער, באַזונדערס די שטאָטישע, זעען דורך און דורך אונזער טעטיקייט אין לאַנד און איר ציל, אָבער זיי שווייגן און לאָזן נישט מערקן, אַז זיי פאַרשטייען, ווייל זיי זעען נישט דערווייל אין אונזער אַרבעט קיין שום געפאַר פאַר זייער צוקונפט... אויב אָבער עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען דאָס לעבן פון אונזער פאָלק אין פּאַלעסטינע וועט זיך אַנטוויקלען אויף אַזוי ווייט, אַז די איינגעבוירענע וועלן מער אָדער ווייניקער זיך נעמען פילן ענגער, דאַן וועלן זיי נישט אַזוי לייכט אונז אָפּטרעטן דאָס אָרט...״

י. ראַפּאָפּאָרט

אין יאָר 1914 (דעם 12/2) שרייבט ער צום באַקאַנטן פּאַ־לעסטינער עסקן און שרייבער מ. סמיליאַנסקי:

„איך האָב געלייענט... דיין אַרטיקל וועגן דער אַראַבישער פראַגע. איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט באַרירט די דאָזיקע ווונד, הגם איך ספק שטאַרק, צי דיינע ווערטער וועלן ברענגען נוצן. די פּסיכאָלאָגיע פון ציוניסטישן עולם איז פאַרשטענד־לעך. אפילו נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אַנטוישט אינם „טשאַר־טער“ און אין אַלעם איבעריקן, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן, קאָנען זיי זיך נאָך נישט באַפרייען פון דער „אילוזיע“, אַז זיי באַשעפטיקן זיך מיט גרינדן אַ „יידישע מלוכה“, און הגם די מערהייט זאָגט דאָס נישט אָפן, דאָך איז גענוג צוצוהערן זיך צום סטיל פון די רעדעס, וואָס קומען אַרויס פון זייערע ליפּן פון צייט צו צייט, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס איז אַזוי. און דעריבער איז זיי נישט אָנגענעם צו דערמאָנען זיך, — און זיי זענען אין כעס אויף יענע, וואָס דערמאָנען זיי, — אַז אין פּאַלעסטינע איז דאָ נאָך אַ פאָלק, וואָס לעבט שוין דאָרט און וואָס קלייבט זיך גאָרנישט צו פאַרלאָזן זיין אָרט. אין דער צוקונפט, ווען די דאָזיקע אילוזיע וועט אַרויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל פון דער טיפעניש פון די הערצער און אַלע וועלן זיך צוקוקן מיט אָפענע אויגן צו דער ווירקלעכקייט, דאַן וועלן זי־כער אַלע באַגרייפן, ווי גרויס און וויכטיק עס איז די דאָזיקע פראַגע און וויפל אַרבעט מיר דאַרפן אַוועקלייגן, כדי צו דער־נענטערן זיך צו איר לייזונג — אויף ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלעך. איצט אָבער געפינט זיך נאָך די מערהייט ציוניסטן אין צושטאַנד פון נישט־פולער דערוואַכונג. ווי אַ מענטש, וועלכער האָט געזען אַן אָנגענעמען חלום און האָט פּלוצלונג האַלב דערוואַכט פון שלאָף. ער פילט שוין, אַז ער האָט געזען דאָס אָנגענעמע בלויז אין חלום, אָבער ער וויל נאָך נישט אויפעפענען די אויגן, און ער ליגט מיט צוגעמאַכטע אויגן און ער גיט דעם חלום אַ מעגלעכקייט נאָך אַביסעלע צו שפּינען זיינע פעדים...“

הגם זייט דאַן איז די „אילוזיע“ געוואָרן שטאַרקער, דאָך

ווערט מען גראָד איצט איבערראַשט פון דער פּראַקטישער העלזעעוודיקייט פון דאָזיקן „אידעאַליסט" און „טרוימער" אין זאַכן פון דער ווירקלעכקייט.

יאָ, עס איז קיין ספק נישטאָ: די פּראַקטישע „חובבי ציון" און די פּאָליטישע ציוניסטן פון אחד העמס צייט זענען געווען אוטאָפּיסטן; אחד העם אָבער איז געווען אַן אידעאַליסטישער פּראַקטיקער, אָדער ריכטיקער: אַ פּראַקטישער אידעאַליסט.

ער האָט געהאַט וויזיעס, אָבער נישט מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל, נאָר קוקנדיק מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אויף דער ערדישער ווירקלעכקייט.

ד. גייסטיקע אָנפּניותדיקייט

גייסטיקע אָנפּניותדיקייט איז נאָך אפשר אַ זעלטענערע דערשיינונג, ווי מאַטעריעלע אָנפּניותדיקייט. דעם מענטשן איז אייגן צו סימבאָליזירן, און ווען ער שטעלט זיך בראש פון אַ וואָסער נישט איז אינסטיטוציע, פון אַ וואָסער נישט איז באַוועגונג, פון אַ וואָסער נישט איז אידייע, אידענטיפיצירט ער זיך סימבאָליש מיט דער דאָזיקער באַוועגונג, מיט דער דאָזיקער אידייע לויטן באַקאַנטן שאַבלאָן פון: „די מלוכה דאָס בין איך!". אומבאַמערקט, אומבאַמערקט רוקט זיך איבער דער שווערפּונקט פון דער באַוועגונג, פון דער אַ דייע צום מענטשלעכן, צום פּערזענלעכן „איך". אַמאָל דערגייט דאָס אַזוי ווייט, אַז דער הויפּט־ווערט פון דער אידייע באַשטייט אין דעם, וואָס „איך" רעפּרעזענטיר זי, וואָס „איך" האָב זי באַשאַפן.

און דאָס איז תמיד נישט נאָר פּסיכאָלאָגיש דערקלערבאַר, נאָר אָפט אויך מענטשלעך פאַרשטענדלעך. ווען אין קאַמף פאַר אַ באַוועגונג, פאַר אַן אידייע לייגט דער מענטש אַריין זיין גאַנצע נשמה, זיין גאַנצן לעבן, זיין גאַנצן „איך". און וואָס שווערער עס איז דער קאַמף פאַר אַ וואָסער נישט איז אידייע, וואָס איינזאַמער עס קומט אויס צו פירן דעם קאַמף פאַר איר, אַלץ מער דראָט די געפאַר צו אידענטיפיצירן די אידייע מיטן

אייגענעם „איד". אַ מאַמע האָט דאָך מער פאַר אַלע איבעריקע קינדער ליב יענע קינד, וואָס האָט מער פאַר אַלע געקרענקט, וועלכעס זי האָט מער פאַר אַלע אויסגעווייטאָקט. און אָט אַזאַ איז טאַקע געווען פאַר אחד העמען זיין אידייע וועגן אַ גייס־טיקער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק, די אידייע וועגן „תחית הללבות", אַלס אומבאַדינגטער פאָרבאַדינג פאַר דער מאַטער־יעלער אויפלעבונג אַלס פאָלק. אחד העמס דאָזיקע מאָנאָגאַמע אידייע האָט איינגעזויגן אין זיך זיין גאַנץ לעבן; צוליב איר האָט ער זיין גאַנץ לעבן געפירט אַ שווערן קאַמף מיט שונאים און אפילו מיט פריינט; ער איז געווען אַן אומפאַרשטאַנענער דענקער און אַן איינזאַמער געזעלשאַפטלעכער טוער, — און דאָך, נישט געקוקט אויף דעם אַלץ, איז ער נישט קראַנק געוואָרן אויף דער קראַנקהייט פון אידענטיפיצירן זיין אידייע מיט זיין „איד". ביזן סוף פון זיין לעבן האָט ער געקאָנט אָפטיילן די דאָזיקע צוויי ספערעס: די ספערע פון זיין „איד" און די ספערע פון דער אידייע. און ער פלעגט כמעט קיינמאָל קיין טעות נישט האָבן וועגן דער ווערט־הערארכיע פון די דאָזיקע צוויי ספערעס. זיין „איד", דער שעפער און דער טרע־גער פון דער אידייע, איז תמיד געווען און דאַרף תמיד זיין איר דינער, דאַרף איר נאָכפאָלגן, כדי איר צו באַדינען, און אָפגיין אין אַ זייט, בלייבן אין שאָטן, ווען דאָס איז גוט פאַר דער אידייע.

אין אחד העמס קאָרעספּאָנדענץ קאָן מען געפינען אַ סך ביישפּילן פון דער דאָזיקער גייסטיקער אָנפּניותדיקייט. איינער פון די בולטסטע און רירנדיקסטע מיט זיין גרויסער זעלבסט־פאַרלייקענונג געפינט זיך אינם בריוו צום ד"ר א. שלעזינגער, פון 20/4/1913.

ד"ר שלעזינגער האָט אחד העמען געשריבן וועגן אַן אָר־גאַניזאַציע, וואָס איז קרובהש לויטן גייסט אחד העמס אידעאַלן, און ער וויל די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אָפיציעל, אַזוי צו זאָגן, דערנענטערן צו זיין, אחד העמס, לערע. און אָט ענטפערט אים דערויף אחד העם:

„אין די לעצטע יאָרן זעען מיר, אַז ד ציוניסטן זענען בכלל אַלץ מער און מער גענויגט דורכצופירן די אַרבעט, וואָס איז אונז צום האַרצן אין הסכם מיט אונזערע אָנשויאונגען. מיט די ליפּן, אמת, רעדן זיי ווייטער מיטן סטיל פון „באַזעל", צו וועלכן זיי זענען צוגעוווינט געוואָרן אין משך פון אַ סך יאָרן, און ווען עמיצער קומט און אַנטפּלעקט דעם אמתן כאַראַקטער פון זייער איצטיקער אַרבעט, וואָס אַנטשפּרעכט לגמרי נישט יענעם „סטיל", פּראָטעסטירן זיי שאַרף קעגן דעם „חשד", זיי זאָלן כלומרשט האָבן אָפּגעווייכט פונם וועג, וואָס פירט צום באַזעלער ציל. דאָס זאָגט דאָך אָבער עדות, אַז אין זייערע נשמות קומט איצט פאָר אַ פרישער פּראָצעס („הולך ומתהוה פּרוצס חדש"), וואָס איז נאָך נישט פאַרענדיקט און זיי גופא פילן גאָר נישט, אַז ער קומט פאָר. אַזוי אַרום קאָן מען האָפן, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס, אויב קיין שום זאַך וועט אים נישט שטערן אין זיין אַנטוויקלונג, וועט סוף־כל־סוף ענדערן אויך דעם ציוניסטישן „באַוווסטזיין" ביי דער מערהייט מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, און אומבאַוווסטזיניק וועלן זיי נעמען אַרבעטן באַוווסטזיניק אין הסכם מיט אונזערע אָנשויאונגען. אויב אָבער מיר וועלן איצט נעמען אַגיטירן וועגן דער נויטיקייט צו שאַפן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע מיט אַ באַזונדער פּראָגראַם, וועלן מיר דורכדעם, מעגלעך, פאַרשטאַרקן די קעגנווירקונג פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, און מיר גופא וועלן אַרויסרופן אַ רעאַקציע קעגן דעם דערנענטערונגס־פּראָצעס, וואָס קומט איצט פאָר".

פאַר אחד העמען איז די פּערזענלעכע אַמביציע פון יעדן שעפער פון אַן אידייע — גאָרנישט, און דער גייסטיקער ציל — אַלץ. ווי אַן עכטער ייד, איז פאַר אים דאָס אויסערלעכע — גאָרנישט, און דאָס אינערלעכע — אַלץ; די פאָרם איז פאַר אים — די דינערין פונם אינהאַלט.

דער דאָזיקער בריוו, וואָס ווייזט אחד העמס פּסיכאָלאָגישע דורכדרינגלעכקייט (נאָך אַן אינטערעסאַנטער שטריך: דער ראַ־

ציאָנאַליזם איז געוויינלעך אומפּסיכאָלאָגיש; אחד העם אָבער איז אַ פּסיכאָלאָגיזירנדיקער ראַציאָנאַליסט), באַווייזט אויך אויפן בולטסטן אופן זיין גייסטיקע אָנפּניותדיקייט.

זיין גייסטיקע באַפרידיקונג באַשטייט אין דעם, וואָס זיין אידייע דרינגט אַריין אין דער בלוט־צירקולאַציע פונם פאָלק, אָבער נישט אין דעם, וואָס עפּנטלעך וועט אויפגעהאָנגען ווערן אַ שילד איבער אַן אָרגאַניזאַציע, אַז זי איז אַן אחד־העמיסטישע.

און די דאָזיקע מאָמענטן, אַלץ אָפטערע אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, פלעגט ער געניסן מיט אַ שטילער שיין אין זיין הארצן. זיינע בריוו נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, אין 1913, זענען פול מיט דער דאָזיקער אינערלעכער שיין: ער האָט דערקענט אין די רעדעס פון קאָנגרעס באַקאַנטע טענער. דאָס, וואָס וואָלט אָנגעפילט אַ צווייטן (וועלכער ליידט אויף אַ היפּערטראָפיע פון זיין „איך") מיט ביטערקייט, פילט אָן אחד העמען מיטן גרעסטן גליק. דעם דאָזיקן „אידייאישן" פּלאַגיאַט לעבט ער איבער נישט ווי אַ גנבה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ביי אים, נאָר פאַרקערט, ער פילט, אַז מען האָט אים באַרייכערט מיטן באַוווסטזיין פון אַ נישט־אומזיסט געלעבטן לעבן און געפירטן קאַמף.

דעם 18/9/1913 שרייבט ער צו זיין אידייאישן פריינט א. ליובאַרסקי:

„...אין ווין האָב איך איבערגעלעבט אַ סך אָנגענעמע מינוטן... עס איז מיר אָנגענעם געווען צו זען, אַז דער ציוניזם דערנענטערט זיך אַלץ מער און מער צום וועג, וואָס איז מיר צום הארצן. נאַטירלעך, די „פירער" „היטן זיך" שטאַרק, מען זאָל זיי, חס ושלום, נישט חושד זיין אין „גייסטיקייט" און מען זאָל נישט שענדן זייערע נעמען דורך דערקלערן זיי אַלס אָנהענגער פון „אחד העמען" (דאָס איז דאָס גרעסטע זידלוואָרט, מיט וועלכן די „פּאָליטישע" האָבן געזידלט זייערע קעגנער פון דער קאָנגרעס־טריבונע!). אָבער וואָס איז דער אומגליק? זאָלן זיי גיין מיטן געהעריקן וועג און זאָלן זיי זיך באַציען דאָס „ריינצוואַשן" מיט הונדערט און פופציק „פּאָ־

ליטישע" מאָטיוון — און איך וועל זיך צוקוקן צו זיי פונ־דערווייטנס, אָן שום צאָרן אין האַרצן אויף זיי דערפאַר, וואָס זיי פאַרמאָגן נישט אין זיך קיין מאָראַלישע קראַפט אָנצורופן זאַכן מיט זייערע ריכטיקע נעמען..."

און צו ב. לאַדיזשינסקין שרייבט ער (דעם 22/9/1913):

„...און פאַר זיך האָט מיר דער קאָנגרעס פאַרשאַפט אַ סך אָנגענעמע מינוטן. איך האָב געזען און זיך איבערצייגט, אַז נישט אומזיסט האָב איך געאַרבעט און געקעמפט די דאָזיקע אַלע יאָרן. די באַגריפן און אידייען, פאַר וועלכע איך האָב געקעמפט, זענען אַריינגעדרונגען אין די הערצער אומבאַוווסטזיניק, און נישט אַ פּעס מער אָנגענעמס (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.), ווי צו זיצן און הערן וויכוחים, ווי אַזוי די „פּאָליטישע" „זידלען" זייערע קעגנער פאַר „אחד העמיזם", און יענע, — וועלכע זענען איצט אין דער מערהייט, — באַמיען זיך אָפּצוּוואַרפן פון זיך די דאָזיקע גרויסע חרפה מיט פאַרשידענע פּלפּוליסטישע דריידלעך, וואָס האַלטן נישט אויס קיין קריטיק. און דו הערסט זיך צו און טראַכסט: זאָלן זיי זיך פאַרנעמען מיט פּלפּוליסטיק וויפל זייער האַרץ גלוסט, אַבי זיי זאָלן גיין מיטן געהעריקן וועג. נישט אינם נאָמען איז דער עיקר..."

און אין צוויי וואָכן שפּעטער, אינם בריוו צו ש. דובנאָוון (פון 6/10/1913) זעען מיר נאָך אַלץ די דאָזיקע לעבעדיקע, צאַפּלדיקע, גייסטיק־אָנפּניותדיקע פרייד:

„...עס איז מיר אויך געווען אָנגענעם צו איבערצייגן זיך אין דעם, אַז אַ סך אידייען, פאַר וועלכע איך האָב געקעמפט אַ לאַנגע צייט, האָבן געלאָזן אין די הערצער אַזעלכע טיפע וואָרצלען, אַז מען באַטראַכט זיי שוין פאַרן אינטעגראַלן אייגנ־טום פונם ציוניזם, ווי מען וואָלט אים דאָס געהאַט מיטגעגעבן אַלס אייגנטום אינם טאָג פון דער „חופּה" אין באַזעל..."

צי דען באַגעגנט מען אָפט אַזאַ גייסטיקע אָנפּניותדיקייט אין דער ממשלה פון גייסט?...

ה. אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער גייסט

אחד העם איז געווען אַ טאָלעראַנטער פאַנאַטיקער, — דאָס באַדייט אָבער נישט, אַז דער פאַנאַטיזם פון זיין אידייע איז איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן. ער פלעגט דערלויבן אַנדערע דאָס, וואָס ער פלעגט דערלויבן זיך, ד. ה. נישט אָפּטרעטן אויף קיין שפּאַן פון דער דורך אים פאַרנומענער אידייאישער פּאָזיציע. ער פלעגט געבן דעם קעגנער אַ מעגלעכקייט צו נעמען אַ וואָרט אפילו אין אַ זשורנאַל אונטער זיין, אחד העמס, רעדאַקציע, דאָס פלעגט אָבער לחלוטין נישט אָפּשוואַכן זיין אידייאישן אָנגריף קעגן זעלבן קעגנער („אידייאישער אָנגריף" — מוז מען אונטערשטרייכן, ווייל ווייניקע האָבן געקענט אַזוי אָפּטיילן דעם מענטשן פונם אידייאישן קעגנער, ווי אחד העם, דער דאָזיקער טאַקטישסטער פאַנאַטיקער). אחד העם איז געווען אַ פאַנאַטישער קעגנער פון יידיש און פון דער יידישיסטישער קולטור. אין דער דאָזיקער פראַגע האָט זיין עקסטרעמקייט נישט געוווסט פון קיין גרעניצן, הגם צווישן זיינע נאָענטסטע פריינט האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע אָנהענגער פון יידיש און פון יידישיסטישער קולטור, ווי ראַווניצקי און דובנאָוו. זיי פלעגן זיך שפּאַרן וועגן דער דאָזיקער פראַגע אויך אין זייער קאָרעספּאָנדענץ, בלייבנדיק פריינט.

אין אַ בריוו צו י. ח. ראַווניצקין (פון 17/4/1910) שרייבט אחד העם:

„פאַר מיר איז קלאָר, אַז דער זשאַרגאָנישער נאַציאָנאַליזם איז נאָר אַ פאָריבערגייענדיקע דערשיינונג. אויב אָבער מיר וועלן זיך איבערצייגן, אַז אַ גרויסער טייל פון אונזער פאָלק איז באמת גרייט אויפצובויען אַ בנין פון יידישן נאַציאָנאַליזם אויפן פונדאַמענט פון זשאַרגאָן און זיין ליטעראַטור, דאַן וועט אונזער פאָלק פאַנאַנדערפאַלן אויף צוויי פעלקער און דאָס זשאַרגאָנישע פאָלק וועט מיט דער צייט פאַרשווינדן פון זיך אַליין, ווייל... פאַר דעם הייליקטום פון פּרצן און שלום-עליכמען וועלן די זין פון אונזער פאָלק נישט גיין אויף קיין שייטער־הויפנס אַ דור נאָך אַ דור, און אגב איז דאָס גאָרנישט ווערט

אויך... איר ווילט נישט פאַרשטיין, אַז דער גאַנצער פענאָמען פון אונזער עקזיסטענץ אין גלות איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען מיר פילן זיך אַלס היסטאָרישע אַריסטאָקראַטיע, און מיטן מאָמענט, ווען דאָס דאָזיקע געפיל וועט פאַרשווינדן און מיר וועלן נעמען קוקן אויף זיך, ווי אויף איינעם פון די איבעריקע קליינע פעלקער, אָן קולטור־היסטאָרישע ווערטן, נאָר בלויז מיט אַ נייער שפּראַך און מיט אַ נייעם „דעמאָקראַטישן" נאַציאָנאַליזם, — דאַן וועלן מיר באמת זיין די נידעריקסטע נאַציע אויף דער וועלט..."

עס איז קלאָר, אַז דאָ רעדט דער ריינער ראַציאָנאַליסט (און אַ דאָגמאַטישער דערצו), און אחד העם איז אין דאָזיקן פּונקט לחלוטין נישט גערעכט מיט זיין אַרגומענטאַציע, און טאַקע צוליב צוויי סיבות. ערשטנס: אפילו די קינפטיקע יידישיסטישע דורות איז גאָר נישט נויטיק צו גיין אויף די שירטערהויפּנס פאַר דער הייליקייט בלויז פון שלום־עליכמען און פּרצן, ווייל מען קאָן אונזער *נישט איבערגעריסענעם* נאַציאָנאַלן „איך" אויסברייטערן אַזוי, אַז ער זאָל אַריינעמען אין זיך אינזער גאַנצע ירושה, פונם ספר „בראשית" ביז פּרצן און שלום עליכמען. פאַרוואָס עפּעס מוזן מיר זיך גראָד אין אונזער יידישיסטישן היסטאָרישן גלגול פילן עפּעס אַלס ניי באַשעפעניש, וואָס איז אָפּגעריסן פון דעם עבר? זענען דאָך אויך ביז דעם באַוווסטזיניקן יידישיזם געווען אומצאָליקע אומבאַוווסטזיניקע יידישיסטישע דורות, וואָס האָבן נישט איבערגעריסן מיטן עבר. אמת, פאַר זיי איז העברעאיש געווען אַ הייליקע שפּראַך, — אָבער פאַר אונז איז זי דאָס אויך, הגם נישט אין אַ רעליגיעזן, נאָר אין אַ היסטאָרישן זין; און צווייטנס: עס איז דאָך מעגלעך איבערצורייסן מיט דער פאַרגאַנגענהייט — מיט איר עיקרדיקן אינהאַלט, וואָס נאָר ער איז דאָך ווענטלעך פאַר אחד העמען — אפילו ווען מען פאַרבינדט שוין דעם פאָדים פון די דורות מיטן אויסערלעכן סימן פון דער שפּראַך. און בעסער פאַר אַלע האָט דאָך דאָס געפילט אחד העם גופא, וואָס קיין שום אויסערלעכס האָט אים נישט

געקאָנט אונטערקויפן, וואָס זיין קלאָרער, אינערלעכער בליק פלעגט באַמערקן דעם קלענסטן שאָטן פון פאַלשקייט אין דער פּרעכטיקסטער היילִיקער פאָרשטעלונג.

ווען אין פּאַלעסטינע האָט זיך פאַרשפּרייט אין 1922 אַ קלאַנג וועגן יידישער נקמה איבער אַן אַראַביש קינד, האָט אחד העם אָפּגעדרוקט אַן אָפענעם בריוו צום רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „הארץ" (נ. 840). אין דאָזיקן בריוו האָט אחד העם געשריבן, צווישן אַנדערעס: „וואָס זאָלן מיר זאָגן, אויב עס איז אמת וואָס דער אויבנגעבראַכטער קלאַנג דערציילט? אַך, גאָט מיינער! נישט שוין־זשע וועט דאָס זיין דער סוף? נישט שוין־זשע וועט דאָס זיין דער ציל, צו וועלכן עס האָבן געשטרעבט אונזערע אבות און צוליב וועלכן זיי האָבן איבערגעטראָגן אַלערליי ליידן? נישט שוין־זשע וועט אָט דאָס זיין דער טרוים פון „שיבת ציון", — אַ טרוים, וואָס אונזער פאָלק האָט געטרוימט אין משך פון טויזנטער יאָרן: מיר זאָלן קומען קיין ציון און פאַרשוועכן איר ערד דורך פאַרגיסן אומשולדיק בלוט? „אַ ייד און בלוט! צי זענען דען דאָ צוויי גרעסערע קעגנזאַצן, ווי די דאָזיקע?" — אַזוי האָב איך פאַרענדיקט איינעם פון מיינע ערשטע אַרטיקלען מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק. „זיינע שקלים וועט דאָס פאָלק אָפּגעבן פאַרן לאַנד, אָבער נישט זיינע נביאים!" — אַזוי האָב איך פאַרענדיקט אַ צווייטן אַרטיקל, אויך מיט אַ סך יאָרן צוריק. און אָט האָט מיך גאָט געשטראָפט מיט דעם, וואָס איך לעב און זע מיט די אייגענע אויגן, אַז אויך דערין, ווי ס'איז צו זען, האָב איך אַ טעות געהאַט. זיינע שקלים גיט דאָס פאָלק אויך היינט נישט אָפּ צו פיל אויף צו בויען זיין „נאַציאָנאַלע היים...", דערפאַר אָבער אַנטוויקלט זיך אין אים אַ נייגונג צו ברענגען אַלס קרבן אויפן מזבח פון זיין „אויפלעבונג" — די נביאים זיינע, די גרויסע עטישע יסודות, צוליב וועלכע אונזער פאָלק האָט געלעבט און צוליב וועלכע ער האָט געליטן און צוליב וועלכע בלויז עס לוינט די גאַנצע מי פון אומקערן זיך און ווערן אַ פאָלק אינם לאַנד פון אונזערע אבות..."

„נישט שוין־זשע בלויז צוליב דעם, כדי צוצוגעבן אין איינעם פון די מזרח־ווינקלען נאָך איין קליינינק פאָלק פון נייע לעוואַנטינער, וועלכע וועלן קאָנקורירן מיט די אַלע לעוואַנטינער אינם געביט פון אַלע אַנדערע פעלקער — אין בלוטדורשטיקייט, אין נקמה, אין געשלעג און אַזוי ווייטער — וואָס דאָס בילדעט דעם מהות פון זייער לעבן?

„אויב אָט־אָ־דאָס איז „משיח״, — טאָ זאָל ער קומען, אָבער איך זאָל אים נישט זען!״ (ייתי ולא אחמיני׳ה).

אחד העמען קאָן מען נישט אונטערקויפן אפילו מיט זיין געליבטער העברעאישער שפּראַך. אים איז נויטיק די נשמה פון יודאַאיזם, אָבער נישט בלויז זיין שפּראַך.

און אויב ער איז נישט איינמאָל אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן יידיש, איז נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַלטן — מיט רעכט אָדער מיט אומרעכט, דאָס איז שוין אַן אַנדער פראַגע — פאַר אוממעגלעך איינצוהאַלטן די איינהייט פון דער פאָלקס־נשמה אָן דעם צוריקקער צו העברעאיש. ער איז געווען קעגן יידיש אַרויסגייענדיק פון די זעלבע מאָטיוון, צוליב וועלכע ער איז געווען אויך קעגן אַ העברעאיש פאָלק אָן יודאַאיזם. אין ביידע פאַלן האָט ער ליבערשט געוואָלט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל אומקומען, איידער עס זאָל לעבן אויף אַ נידעריקן שטאַפּל פון גייסט, מחוץ דער ספערע פון די גרויסע פאָלקס־אידעאַלן, אויסגעאַרבעטע אינם פּראָצעס פון דער טראַגישסטער געשיכטע אויף דער וועלט.

אַז די דאָזיקע קאָמפּראָמיסלאָזיקייט איז געווען אחד העמס אַ טיף־איינגעבוירענער שטריך, איז צו זען פון אַ גאַנצער ריי בריוו, ווו ער קומט צום אויסדרוק ביי קליינע זאַכן און גרויסע, און תמיד מיט אַ נאַטירלעכער אומפאַרמיידלעכקייט.

איינעם אַזאַביישפּיל וויל איך נאָך ברענגען.

אין יאָר 1915 איז אין אָדעס דורך דער רוסישער מאַכט פאַרמאַכט געוואָרן דער „השלח״. אין אַ בריוו פון 8/7/1915 צום ד״ר קלויזנער, דעם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פון „השלח״, שרייבט אחד העם:

„טרייסטן דיך?... איך האָף, אַז פון מיר דערוואַרטסטו נישט אַזעלכע באַנאַליטעטן. בלויז איינס וועל איך דיר זאָגן: ווען עס זאָל זיך ווענדן אין מיר, וואָלט איך איצט געווען אָפּגעשטעלט די גאַנצע יידישע פּרעסע. עס איז דאָ אַ שווייגן, וואָס רעדט אַ סך מער פון אַלע ווערטער, באַזונדערס פון יענע מאָגערע ווערטער, וואָס נאָר זיי קאָנען געזאָגט ווערן אין די איצטיקע באַדינגונגען. זאָל הערשן ביי אונז יענער „קול דממה דקה", אין וועלכן אליהו הנביא האָט געפילט די נאָענטקייט פון גאָט..."

און צום שרייבער ה. טשערנאָוויטשן, וועלכער האָט אים געבעטן עפּעס אָנצושרייבן, ענטפערט אחד העם דעם 27/8/1915:

„...דאָס, וואָס מען וואָלט געווען באַדאַרפט זאָגן, לאָזט מען אונז נישט זאָגן (נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין די אַנדערע לענדער), און דאָס, וואָס מען קאָן זאָגן — איז אַ חרפה צו זאָגן אין אַזאַ צייט. אָבער אונזער מאָראַליש זינקען האָט דערגרייכט אַזאַ פּאַרנעם, אַז מיר פילן שוין נישט די דאָזיקע חרפה, און מיר פאַרשטייען נישט, אַז אויב מען קאָן נישט רעדן ווי מענטשן, איז שוין בעסער צו שווייגן, איידער רעדן סתם אַזוי".

און ווען ד צאַרישע רעגירונג האָט געטון דאָס, וואָס אחד העם האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו טון — ד. ה. זי האָט פאַרמאַכט די גאַנצע יידישע פּרעסע אין רוסלאַנד, — האָט אחד העם אויסגעדריקט אין אַ בריוו זיין באַפרידיקונג, וואָס ענדלעך וועט איבערגעריסן ווערן דאָס האַלבע קול און עס וועט אַנטשטיין דאָס פולע שווייגן.

ער האָט אין אַלץ פיינט געהאַט די האַלבע שטמע פונם קאָמפּראָמיס.

ו. דער גרויסער בונט

דעם 13/4/1910 שרייבט אחד העם דרויאַנאָוון, דעם העברעאישן שרייבער און רעדאַקטאָר פון פאַרשידענע העברעאישע

זשורנאַלן און זאַמלביכער, וועלכער האָט געבעטן ביי אים אַן אַרטיקל:

„דו ווייסט דאָך, אַז איך שרייב נישט קיין אַרטיקלען סתם אין דער וועלט אַריין, צוליבן פּראָצעס פון שרייבן. און דער יום־טוב פּסח רופט נישט אַרויס ביי מיר קיין געפיל פון נויטווענדיקייט צו שרייבן אַן אַרטיקל...“

ביי אחד העמען איז דאָס נישט קיין תירוץ אויף אָפּצור־זאָגן, נאָר אַן אמת. אין משך פון די דרייסיק יאָר פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט, האָט זיך צו אחד העמען נישט צוגעקלעפּט קיין האָר פון דאָס שרייבעריש־פּראָפעסיאָנעלע. אפילו אין יענע זעקס יאָר, ווען אחד העם האָט געלעבט, אַלס רעדאַקטאָר פון „השלח“, פון ליטעראַטור, איז ער אויך פאַר־בליבן — אין בעסטן זין פון דאָזיקן וואָרט — אַ ליבהאָבער (מיט אַ גרויסער „למד“). ער האָט ליב געהאַט די ליטעראַרישע אַרבעט מיט אַן ערנסטער און צניעותדיקער ליבע: ער פלעגט זיך דערנענטערן צו איר נאָר דאַן, ווען ער פלעגט פילן דעם פאַרצערנדיקן פלאַם פון אינערלעכער נויטווענדיקייט, פון אומ־פאַרמיידלעכקייט צונויפצוגיסן אין איינס דעם געדאַנק און דאָס וואָרט, כדי צו געבוירן אַ טאַט. און דעריבער איז פאַר אחד העמען ווילד געווען דער געדאַנק, אַז „דער געדאַנק, וואָס ווערט אַרויסגערעדט איז אַ ליגן“, אַז „די זונה — דאָס וואָרט — געבוירט דעם געדאַנק אויף דער וועלט“. דאָס קאָן פילן בלויז אַ פּראָפעסיאָנאַל, אין וועמען עס איז נאָך נישט אינ־גאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס געפיל פון דער ערשטער ליבע און זי פלאַקערט אויף אין דעם הויפן קאַלטן אַש און זי קאָרטשעט זיך איין פונם ציטער פאַר דער גיכער אויסלעשונג. אחד העמען איז דאָס דאָזיקע געפיל נישט באַקאַנט, ווייל ער גיסט זיך צונויף מיטן וואָרט בלויז אין ליבע, אינם געפיל פון אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט.

אַ מענטש, וועלכער האָט ליב אַ פרוי, באַציט זיך מיט אַכ־טונג נישט נאָר צו זיין געליבטער, נאָר צו דער פרוי בכלל. אַ שרייבער, וואָס איז מיט דער גאַנצער נשמה און מיטן גאַנצן

האַרצן טרייַ זיין ליטעראַרישער אַרבעט, האָט ליב די ליטעראַטור בכלל.

און אחד העם האָט ליב געהאַט די ליטעראַטור און ער האָט זיך באַצויגן צו איר מיט דעם גאַנצן ערנסט און מיט דער גאַנצער אַכטונג, אויף וועלכע עס איז פעאיק זיין שטרענגע, אָבער נישט טרוקענע נשמה.

נאָר דער, וואָס וועט איבערלייענען אחד העמס אומצאָליקע בריוו פון דער צייט, ווען ער האָט רעדאַקטירט דעם „השלח", וועט פאַרשטיין זיין באַציאונג צו ליטעראַרישער אַרבעט. אָבער כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דער דאָזיקער באַציאונג, וועט גענוג זיין צו ברענגען אַ ציטאַט פון אחד העמס אַ בריוו צו דער פאַרוואַלטונג פון די „בני משה" אין יפו, פון יאָר 1897:

„...צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, צו דער הייליקער אַרבעט (רעדאַקטירן דעם „השלח" — י. ר.), צוליב וועלכער איך האָב פאַרלאָזן מיין הויז און מיין פאַמיליע און בין אַוועקגעפאָרן וויַיט (דער „השלח" איז די ערשטע צייט דערשינען אין בערלין — י. ר.), האָב איך דערזען, אַז איך האָב דעם מינדסטן באַגריף נישט געהאַט וועגן דער שווערקייט פון דער דאָזיקער ליטעראַרישער אַרבעט און אַז כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט אויסצופירן אַלץ ווי געהעריק, מוז איך איר ווידמען מיין גאַנצע צייט, מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, און אפילו מיינע נאַכט-חלומות. יענער, וואָס האָט נישט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי אזוי און וויפל איך אַרבעט, קאָן זיך דאָס גאָרנישט פאָרשטעלן. און דאָס אַלץ מוז איך טון, אַנדערש איז נישט מעגלעך. ווייל חוץ דעם, וואָס פונם דערפאָלג פון דער דאָזיקער זאַך הענגט אָפּ אין דער איצטיקער צייט מיין עקאָנאָמישע עקזיסטענץ — אַ זאַך, וואָס אַ פאַמיליע-מענטש קאָן דאָס נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, — איז מיט דער דאָזיקער זאַך פאַרבונדן אויך דער כבוד פון אונזער ליטעראַטור און מעגלעך אַז אפילו אויך פון אונזער געזעלשאַפט, ווייל סוף כל סוף ווייסן אַלע, אַז די דאָזיקע התחלה האָט געבוירן דער גייסט פון די „בני משה", און אויב, חס ושלום, זי וועט

זיך נישט איינגעבן, וועט דאָס זיין אַ כלל־אומגליק, ווייל עס וועט פאַרשווינדן דער גלויבן אין דער מעגלעכקייט אויפצולעבן אונזער ליטעראַטור און אַלע וועלן אַראָפּלאָזן די הענט. ווייסן מיר דאָך אַלע, ווי גרויס עס איז איצט דער גלויבן פון אַלע ליבהאָבער פון אונזער ליטעראַטור און פון אונזער אויפלעבונג אין דער צוקונפט פון דער דאָזיקער התחלה און אין דעם נוצן, וואָס זי וועט ברענגען פאַרן געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג".

מען קאָן דרייסט זאָגן, נישט מורא האָבנדיק איבערצוטרייבן, אַז ביים רעדאַקטירן דעם קלענסטן אַרטיקל האָט אחד העם נישט פאַרלוירן פון אויג דעם גרויסן ציל פון זיין אַרבעט. ער פלעגט קיינמאָל נישט איבערלאָזן פאַר אַנדערע די קלייניקע אַרבעטן צוליב דאָס גרויסע; אָבער ביים אויספירן די קלענסטע אַרבעטן, פלעגט ער קיינמאָל נישט פאַרלירן פון אויג דאָס גרויסע.

אחד העמס רעדאַקטאָר־אַרבעט איז געווען אַן אמתער דינסט דער ליטעראַטור, אַן אמת העלדנטום אין קליינעם פאָרמאַט, ביי טאָגטעגלעכע קלייניקייטן. אַזאַ אויסהאַלטעוודיקייט קאָן שענקען נאָר אַ גלויבן אין דעם גרויסן נוצן פון דער ליטעראַטור, אין דעם מעכטיקן כוח אירן צו באַפרוכפּערן די הערצער פאַר דעם פאַנאַנדערבלי פון נייע געפילן.

אחד העם האָט געגלויבט אין דעם כוח פון ליטעראַטור.

צי האָט ער אָבער געוווּסט צו שעצן אויך איר שיינקייט, צי האָט ער זי פאַרשטאַנען?

אחד העמען האָט מען פאָרגעוואָרפן טרוקנקייט, מאַנגל אין עסטעטישן געפיל. דערמיט האָט מען דערקלערט, וואָס ער פלעגט אָפּגעבן אין זיין „השלח" אַזוי ווייניק אָרט פאַר בעלעטריסטיק.

הגם אחד העם האָט אָפט געשריבן אין זיינע בריוו, אַז בעלעטריסטיק איז נישט זיין געביט, דאָך האָב איך דעם איינדרוק, טאַקע אויפן סמך פון די דאָזיקע בריוו, אַז ער האָט געהאַט זייער אַ געזונטן ליטעראַרישן אינסטינקט. אויב ער

האָט, אַלס רעדאַקטאָר, אָפּגעגעבן ווייניק אָרט בעלעטריסטיק, איז די סיבה געווען נישט די פאַראַכטונג זיינע צו בעלעטריסטיק, נאָר, ערשטנס, פון דער נאָרמאַלער נייגונג פון יעדן רעדאַקטאָר צו זיין אינדיווידועלן ליטעראַרישן געביט — אין דאָזיקן פאַל: צו פּובליציסטיק און וויסנשאַפט (אגב, איז דאָס געווען אין הסכם מיט דער פּראָגראַם פונם זשורנאַל, און מיט אחד העמס דערציערישע אידייען), און, צווייטנס, פון אחד העמס זייער גוטן געשמאַק. ער האָט געזען די אָרעמקייט פון אונזער דעמאָלטיקער ליטעראַטור בכלל און בפרט — פון אונזער בעלעטריסטיק.

און נאָך עפּעס: אחד העם האָט זיך גערעכנט מיט דער דורות־לאַנגער געוווינהייט פונם יידישן לייענער צו באַקומען אין דער האַנט אַריין ערנסטע ביכער, איבער וועלכע מען דאַרף טראַכטן, און צו האָבן דרך־ארץ בלויז פאַר אַזעלכע ביכער. כדי צו דערציען דעם יידישן לייענער, האָט ער געעצהט געבן אים ערנסטע ליטעראַטור, וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע; אָבער חוץ דעם האָט אחד העם אויך געוווּסט, אַז ווירקן אויפן לייענער קאָן נאָר שעפערישע בעלעטריסטיק, וועלכע מיר האָבן אויך איצט אַזוי ווייניק, — שוין אָפּגערעדט וועגן דאַן.

עס איז גענוג איבערצולייענען זיינע רעדאַקטאָרישע בריוו צו דוד פרישמאַנען, ביאַליקן, מ. ז. פייערבערגן, בערדיטשעווסקין און אַנדערע, כדי אָפּצוּוואַרפן די אויבערפלעכלעכע מיינונג וועגן דעם, אַז אחד העם האָט נישט פאַרמאָגט קיין עסטעטישן חוש. ווי גוט ער אַנאַליזירט די שוואַכע שטעלן אין פרישמאַנס ליד, אין ביאַליקס אַ ליד, אין פייערבערגס דערציילונג!

שוין דאָס אַליין, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרדייען די דעמאָלטיקע פּאָעזיע פון ז. שניאורן, וואָס ער קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן אָננעמען זיין שרייאיקע רעטאָריק פאַר פּאָעטישער קראַפט, — באַווייזט, אַז דער דאָזיקער ראַציאָנאַליסט האָט דאָך פאַרמאָגט אַ געזונטן עסטעטישן געשמאַק און האָט געקאָנט געזונט אורטיילן אויך וועגן דיכטונג. און מען קאָן נישט חושד זיין אחד העמען, אַז ער האָט זיך באַצויגן

נעגאַטיוו צו שניאורס פּאָעזיע דערפֿאַר, ווייל זי איז אים נישט געווען צום האַרצן לויטן אַ נהאַלט. געוויס, שניאור איז אים נישט געפעלן געווען אויך מיטן אינהאַלט פון זיין דיכטונג, אָבער נאָך נעגאַטיווער האָט ער זיך דאָך באַצויגן צום אינהאַלט פון טשערניכאָווסקיס דיכטונג, צוליב אירע נישט־יידישע און אפילו אַנט־יידישע טענער, און דאָך האָט ער נישט געלייקנט אין טשערניכאָווסקיס גרויסן טאַלאַנט, — פאַרקערט!

אחד העם האָט, ווי אויבן געזאָגט, געקאָנט אָפּטיילן זיין באַציאונג צו אַ מענטשן פון דער באַציאונג צו די אידייען פון זעלבן מענטשן; פּונקט אַזוי האָט אחד העם געקאָנט אָפּטיילן זיין באַציאונג צום טאַלאַנט פונם שרייבער, פון דער באַציאונג צום אינהאַלט פון די ווערק פון זעלבן שרייבער. ציִדען קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַ מער קעגנזעצלעכן שרייבער צו אחד העמען, ווי דער יונגער מ. י. בערדיטשעווסקי? און דאָך, ווי זאָרגעוודיק און געדולדיק ער רעדאַקטירט זיינע אַרטיקלען, וואָס זענען קעגן אחד העמס אידייען, ווי ער שעצט דעם דאָזיקן כּאַאָטישן טאַלאַנט, ווי ער באַמיט זיך צו אַנטדעקן צווישן אַ סך ווילדגראָזן אַ פּאָר שמעקעדיקע בלימעלעך!

יאָ, אחד העם האָט ליב געהאַט און פאַרשטאַנען ליטעראַטור און צו דער העברעאישער ליטעראַטור האָט ער זיך באַצויגן מיט דער איפּערזוכט אי פון אַ ליבהאָבער פון ליטעראַטור, אי פון אַן אידייאישן קעמפער, וועלכער האַלט טייער דעם מעכטיקן כלי־זין פאַר זיין קאַמף.

עס איז גענוג איבערצוליענען זיינע פּאָר שורות וועגן ביאַליקן אין אַ בריוו צו קלויזנערן (פון 11/2/1904), כּדי צו צעשטערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל די רכילות וועגן אחד העמס געפילס־אַטראָפיע לגבי ליטעראַטור:

„ווי אַזוי לעבט ביאַליק אין וואַרשע? — שרייבט ער קלויזנערן. — זייט אויפמערקזאַם, אין אייערע הענט האָבן מיר איבערגעגעבן אויף אָפּצוהיטן זיין גייסט, און אויף אייך ליגט דער חוב אָפּצוהיטן אים פון דער וואַרשעווער „לופט". פאַרגעסט נישט, אַז אונזער ליטעראַטור האָט בלויז איין־איינציקן ביאַליק".

אחד העם האָט פאַרשטאַנען און ליב געהאַט ליטעראַטור, ער האָט געשטעלט צו איר גרויסע פאָרמעלע, אינהאַלטלעכע און עטישע פאָדערונגען. ער האָט געהאַלטן, אַז ליטעראַטור דערציט און דערהויבט דעם גייסט פון פאָלק און זי אַליין ברענגט צום אויסדרוק דאָס בעסטע און ריינסטע אין דער נשמה פון אַ פאָלק. און דעריבער קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווי שטאַרק עס איז געווען זיין אַנטוישונג, ווען ער האָט, — סיי אַלס רעדאַקטאָר און סיי אַלס שרייבער, — געזען אַלץ מער און מער פון איין זייט דעם אינערטן ווידערשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן קעגן דער ווירקונג פון דער ליטעראַטור, און פון דער צווייטער — דעם אינערלעכן באַנקראָט פון דער ליטעראַטור גופא אין אַלע הינזיכטן: מצד דער פאָרם, מצד דעם גערדאַנק און מצד דער עטיק.

צו וואָס ברענגען אַ סך ציטאַטן פון אחד העמס בריוו, בעת דער אונטן געבראַכטער ציטאַט סומירט אַלץ אין איין מעכטיקן געשריי, וואָס גיט אונז אַ ברי, ווי אַ שמיץ מיט דער בייטש:

„איז דער יידישער ליטעראַטור..., — שרייבט ער צו דובנאָוון, — איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער, וואָס האָט אַכטונג צו זיך און צו זיין פעדער, קאָן נישט גובר זיין זיינע עקל־געפילן, ווען ער דערמאָנט זיך מיט וועמען ער זיצט ביי איין טיש און מיט וועמען ער פירט אַ קאַמף. און איבערגיין אויף דער עלטער צו דער רוסישער ליטעראַטור (ד. ה. שרייבן אויף רוסיש, ווי דובנאָוו — י. ר.), איז נישט איך קאָן און נישט איך וויל".

אחד העם, וועלכער איז אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי מען גייט אַריין אין א טעמפּל (זאָל זיין אַז אַ טעמפּל, וואָס הויבט זיך אָן צו בויען), האָט זיך גענומען רייסן פון דאָרטן ווי פון אַ טומלדיקער, שלעכט־ריחותדיקער שענק.

צי קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן אַ טיפערע גייסטיקע טראַגעדיע און אַ גרעסערן אינערלעכן בונט?

און דער דאָזיקער בונט איז געווענדט געווען נישט נאָר

קעגן דער אַקטיוועד זייט פון דער יידישער ליטעראַטור — קעגן די שרייבער, — נאָר אויך קעגן איר פּאַסיווער זייט — קעגן דעם עולם, וואָס דאַרף די ליטעראַטור דערנערן און פלעגן.

אין אַ בריוו צו דובנאָוון (פון 15/10/1916) שרייבט אחד העם:

„...ווען איך האָב געלייענט אין די צייטונגען, ווי אַזוי פּרוג האָט געלעבט אין די לעצטע יאָרן צווישן אונזערע ליבע אָדע־סער, האָב איך געזאָגט צו זיך — און דאָס זאָג איך אויך דיר, — אַז ס׳איז שוין בעסער צו זיין אָפּהענגיק פון אַ טיי־ אָדער נאַפט־מסחר אָדער פון אַ וואָסער נישט איז אַנדערן האַנדלס־צווייג, איידער צו זיין אָפּהענגיק פונם חסד פון מעצענאַטן, באַזונדערס — פון אונזערע מעצענאַטן".

די גייסטיקע אויפלעבונג פון יידישן פאָלק איז געווען אחד העמס גרויסע, איינציקע ליבע, און אַן אינטעגראַלער טייל פון דער דאָזיקער אידייע־ליבע איז געווען די אויפלעבונג פון דער יידישער ליטעראַטור. און אחד העמס ביטערע ווערטער זענען נישט קיין אויסדרוק בלויז פון פּערזענלעכער אַנטוישונג — אין דער דאָזיקער ביטערניש איז דאָ אַ גרויסער בונט קעגן דעם אינערטן מאַטעריאַל, וואָס לאָזט זיך נישט שעפּעריש אויסקנעטן דורך דער אידייע; אין די דאָזיקע ווערטער איז דאָ נישט קיין קליינע פּערזענלעכע עוולה (וואָס איז קליין — ווי גרויס זי זאָל נישט זיין!), נאָר אַן עוולה פאַר דער אָפּגעגאַרטער גרויסער ליבע, פאַר דער פאַרשוועכונג פון דער גרויסער, הייליקער ליבע.

מען דאַרף געדענקען, אַז אחד העם איז געקומען אין אונזער ליטעראַטור אַלס מאַטעריעל־פאַרזיכערטער מענטש — ער האָט נישט דערוואַרט פון דער ליטעראַטור קיין מאַטעריעלן שכר. אָבער ווען זיינע געשעפטן האָבן גענומען גיין באַרג אַראָפּ און ער האָט געמוזט זוכן אַ קוואַל פון פּרנסה, האָט ער געשאַפן דעם זשורנאַל „השלח" און געוואָרן זיין רעדאַקטאָר.

און אָט, נאָך זעקס יאָר קאַטאָרזשנער אַרבעט (אי אין

פּזישן, אי אין גייסטיקן זין) איז אחד העם געצווונגען געווען אוועקצוגיין פונם „השלח", וואָס ער האָט געשאַפן און געפּלעגט, און אַריינטרעטן, אַלס אָנגעשטעלטער, אין וויסאָצקיס טיי־פירמע. דער „השלח" האָט נישט געקאָנט דערנערן אחד העמען און זיין פאַמיליע.

און אחד העם שרייבט וועגן דעם צום פאַרלאַג „אחיאסף" אין אַ בריוו פון 15/12/1902:

„...איך האָב אייך נישט אַרויסגעזאָגט אפילו אַ הונדערטסטן חלק, און אפשר נישט אַ טויזנטסטן חלק פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין מיין האַרצן, וואָס עס וועט פילן אַ יידישער היסטאָריקער אין דער צוקונפט, — אויב, ווי מיר האָפן, אונזער פאָלק וועט האָבן אַ בעסערע צוקונפט, — ווען ער וועט צוטרעטן דערציילן זיינע לייענער, אַז אין אונזער דור, וואָס האָט אַזוי שטאָלצירט מיט זיין אויפלעבונג, איז איינער פון די אָנפירנדיקע נאַציאָנאַלע שרייבער, — וואָס איז געשטאַנען בראש פון איינציקן זשורנאַל, וואָס איז ראוי באַצייכנט צו ווערן מיטן נאָמען „ליטעראַטור", — געצווונגען געווען אַראָפּוואַרפן פון זיך די „טאָגע פון אַ געלערנטן" און ווערן אַן אָנגעשטעלטער פון אַ האַנדלס־פירמע, כדי זיך צו ראַטעווען פון חרפה און פון שנאָרעריי..."

ז. חבלי יצירה

אַז אחד העם איז געווען אַ באַרופענער שרייבער, וועט קלאָר זיין פאַר יעדן איינעם, וואָס וועט זיך באַקענען כאָטש מיט אייניקע אַרטיקלען זיינע. אָבער ער האָט נישט נאָר אָנגעהויבן שפּעט צו שרייבן (אין 33־יאָריקער עלטער), נאָר ער האָט בכלל נישט געליטן פונם שרייב־פיבער, וואָס איז אייגן כמעט אַלע שרייבער פון ריינעם בלוט (מיט ווייניקע אויסנאַמען, צו וועלכע עס געהערט אַזאַ מייסטער, ווי גאָנטשאַראָוו). ער האָט צופעליק אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי קעגן זיין אייגענעם ווילן פאַרהאַלטן געוואָרן דורך איר און די גאַנצע צייט כמעט פון זיין שרייבערישער

טעטיקייט איז ער נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנאַל נישט נאָר אין מאַטעריעלן זין, נאָר אויך נישט אין גייסטיק־שעפערישן. אחד העם, לויט אַלע אייגנשאַפטן פון זיין גייסט אַ ריינער טעאָרעטיקער, האָט כמעט קיינמאָל נישט געשריבן אָן דעם סט מול פון עפּעס אַן אַקטועלער פּראָבלעם; אחד העם, לויט זיין גאַנצן שאַפן אַן אַקטועלער פּובליציסט, איז קיינמאָל נישט אריינגעטראָטן אין אַ קאַמף מיט זיין צייט אָדער מיט זיינע קעגנער, אויב ער האָט דערביי נישט געקאָנט טעאָרעטיש באַלויכטן כאָטש אַ קליין ווינקעלע פון עפּעס אַן אַקטועלער פּראָבלעם. דאָס טעאָרעטישע און פּראַקטישע זענען ביי אים האַרמאָניש צונויפגעגאָסן, אָדער זיי זענען, לכל הפחות, צונויפגעוואקסן, ווי דער סיאַמער צווילינג. אחד העם פלעגט שרייבן, ווי יעדער עכטער שרייבער, ביי אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט צו שרייבן, אָבער די דאָזיקע אינערלעכע נויטווענדיקייט איז ביי אים נישט געווען לייכט רייצבאַר, ווי ביי דער מערהייט שרייבער, — ער האָט נישט געליטן פון גייסטיקער נעוורא־סטעניע, וואָס פאַרצערט דעם רוב שרייבער. בקיצור, אחד העם איז נישט פאַרצערט געוואָרן דורך דער שרייבערישער גייסטיקער גיריקייט. און זיינע אַרטיקלען, קלאָרע, דורכגעטראַכטע, גוט־געבויטע, זענען נישט נערוועז, פול מיטן חוש פאַר מאָס און זענען נאָרמאַל אויסגעטראָגן.

און דעריבער איז גראָד ביי אחד העמען אַזוי רירנדיק דאָס וואַקסנדיקע געפיל פון נאָגנדער בענקשאַפט (זי באַמערקט זיך אין זיינע בריוו) נאָך אַ גרויסן, ריין־טעאָרעטישן ווערק, — אחד העם הויבט אָן צו ליידן פון חבלי־יצירה אויף דער עלטער.

דעם 19/2/1913 שרייבט אחד העם צו מ. דיזענהאָפן:

„...אָט וואָס עס איז מיין שטרעבונג אויף דער עלטער: ווידמען דעם רעשט פון מיינע יאָרן און כוחות אויף אַ פּרווו פון אַ נאַציאָנאַלן סך־הכל, און איבערלאָזן דעם רעזולטאַט פון מיין סך־הכל פאַרן זכרון פון די קומענדיקע דורות...״

ווען דאָס אַקטועל־פּובליציסטישע אין אחד העמען האָט זיך שוין געהאַט איבערגעמאָלן אין לאַנגיאָריקן קאַמף פאַר זיי־

נע אידייען, האָט זיך זיין טעאָרעטישער עלעמענט באַפרייט פון דער אַמאַלגאַמע מיט דעם אַקטועל־פּראַקטישן און אָנגעהויבן שטעלן זיינע אינדיווידועלע פאָדערונגען אין אַ ריינער פאָרם. ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעלעבט זיין פּובליציסטישן טעמפּעראַמענט, ווען ער האָט זיך שוין געהאַט אַנטוישט אין דער קראַפט פון וואָרט איבערצוצייגן די קעגנער, ווען מען שטייט מיט זיי פּנים אל פּנים (ווען דער קעגנער וויל בלויז איינס: בלייבן דער זיגער פאַר יעדן פּרייז, בלייבן גערעכט אפילו ביי דער פולסטער אומגערעכטיקייט), האָט אחד העם באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין קעמפערישע פּובליציסטישע פּאָזיציע, ווייל (ווי ער האָט דאָס אַליין פאָרמולירט): די יעניקע, וועמען זיינע אַרטיקלען האָבן ביז איצט נישט איבערצייגט, וועט ער שוין דורך איבערחזרן זיינע אמתן נישט איבערצייגן; און אויף וויפל זיינע ווערטער האָבן פאַר עמיצן די קראַפט איבערצוצייגן, — וועלן זיי יענעם איבערצייגן אויך אָן איבערחזרונגען. און דאַן, — סטימולירט אויך דורך דעם אָנקום פון דער עלטער, וואָס ווירקט אַזוי אויף דער פּסיכיק, וואָס רופט אַרויס דאָס געפיל פון שרעק פאַר פאַרשווינדן, — האָט זיך אין אחד העמען דערוועקט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך טעאָרעטישער שאַפונג, נאָך אַ ווערק, וואָס זאָל סומירן אין סיסטעמאַטישער אָרדנונג אַלע זיינע אידייען, די גאַנצע גייסטיקע אַרבעט און דעם גאַנצן גלויבן פון זיין לעבן.

אחד העם האָט אָנגעהויבן לייד̈ן אויף חבלי־יצירה. אָבער די דאָזיקע געוויינלעך זיסע ליידן זענען פאַר אים געוואָרן דער קוואַל פון אַ טראַגעדיע.

זיין בענקשאַפט נאָך אַ גרויסן טעאָרעטישן ווערק האָט זיך אָנגעשטויסן — אויפן וועג צו פאַרווירקלעכונג — אויף גרויסע שטערונגען.

צווישן אחד העמס פריע בריוו געפינט זיך שוין אַ כאַראַקטעריסטישער בריוו צו ד״ר קלויזנער; אין דאָזיקן בריוו איז ער מקנא קלויזנערן, וועלכער קאָן שרייבן ביי אַלערליי באַ־

דינגונגען, בעת ער, אחד העם, נויטיקט זיך אין גינסטיקע באַדינגונגען, כדי צו קאָנען גייסטיק אַרבעטן.

„איך באַוווּנדער, — האָט ער געשריבן צו ד"ר קלויזנער, — דיין אַרבעטס־פעאיקייט: אין אַ קורצער צייט און אין שווערע באַדינגונגען איז דיר געלונגען אָנצושרייבן אַ סך גרויסע און וויכטיקע אַרטיקלען. איך, צום באַדויערן, האָב נישט איצט קיין קראַפט אָנצושרייבן אפילו סתם אַן אַרטיקל פאַרן „עומר". איך נויטיק זיך אין פאַסיקע באַדינגונגען און אין גייסטיקן פרידן, כדי עס זאָל אויף מיר אַראָפּנידערן דער „רוח הקודש", און אויב דאָס אַלץ פעלט מיר, טויג איך אויף גאָרנישט".

די דאָזיקע פאַסיקע באַדינגונגען, ווי מיר זעען, זענען נישט נאָר פון מאַטעריעלן כאַראַקטער, — זיי זענען אָפּהענגיק פון פילן זיך גייסטיק גוט, און אפילו פון אַ געוויסן פעדאַנטיזם, פון וועלכן אחד העמס כאַראַקטער איז נישט געווען פריי. כדי צו שאַפן, האָט זיך אחד העם גענויטיקט אין אַן אָטמאָספער פון רו און אָרדנונג סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך: ער האָט געדאַרפט האָבן פון אַ גוטן צימער ביז אַ פאַרענדיקטע קאָרעספאָנדענץ, — אויב עס זענען געלעגן נישט קיין געענטפערטע בריוו, פלעגט ער אָפט צוליב דעם נישט קאָנען זעצן זיך צו דער אַרבעט. ער קלאָגט זיך אָפט אין זיינע בריוו, אַז ער וויל זיך זעצן שרייבן, אָבער ער קאָן נישט, ווייל דאָס ענטפערן אויף בריוו נעמט אים צו די גאַנצע צייט. חוץ דעם, פלעגט אים שטערן די געוויסנהאַפטיקייט: ער שרייבט אין זיינע בריוו, אַז ער מוז זיך זעצן לערנען, לכל הפחות, אויף עטלעכע יאָרן, כדי צו דערגאַנצן זיינע ידיעות, כדי צונויפצוקלייבן דעם נויטיקן מאַטעריאַל. און דאָס אַלץ מוז געשען — אין דער אַטמאָספער פון רו און אָרדנונג. און במילא קאָן ער אויף דעם נישט פאַרווענדן אויך דאָס ביסל צייט, וואָס זיין וואָכעדיקע אַרבעט אין וויסאָצקים טיי־פירמע לאָזט אים איבער.

ווי אַלץ ביי אחד העמען, איז אויך די דערוואַכטע בענקשאַפט צום שאַפן באַפאַרבט מיט אַן אומגעוויינלעכער פּסיכישער פאַרב: ער רייסט זיך צום שאַפן, נאָר דאָס איז אַ ליידנ־

שאַפט אַן איינגעהאַלטענע, אַ געצוימטע: זי קען נישט דורכ־ רייסן נישט די קליינע שטערונגען פון זיינע לעבנס־געוווינ־ הייטן, נישט די הויפּט־אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער. צי איז דאָס דערפאַר, ווייל זיינע ליידנשאַפטן וואַרפן זיך אונטער דער דיסציפּלין פון זיין באַוווסטזיין און פון זיינע עטישע נאָרמען, אָדער זיינע שטאַרקע אינערלעכע העמונגען און וואַקלענישן זוכן ספּעציעל אויס שטערונגען פאַר זיך אין דער פאָרם פון זיינע עטישע נאָרמען און פון זיינע געוווינהייטן?*)

---

*) ווען איך האָב געאַרבעט איבער אחד העמען, האָב איך נישט געהאַט זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן. איך האָב אפילו געבעטן אַ פריינט צושיקן מיר פון טיענטסין די „רשומות", וו זיי געפינען זיך, אָבער דאָס איז נישט מעגלעך געוועזן צוליב דער ענגהאַרציקייט פונם באַלעבאָס פון די „רשומות". ערשט איצט, ביים פאַרענדיקן די קאָרעקטור פון מיין דאָזיקער בראָ־ שור, געפין איך אין אליעזר שערמאַנס בוך וועגן אחד העמען („שעפער און בויער", פילאַדעלפיע, 1941) פאָלגנדיקע אויס־ צוגן פון אחד העמס נאָטיצן:

„...געקומען קיין ווין (אחד העם שרייבט וועגן זיינע דורכ־ געפאַלענע פרוון צו בילדן זיך סיסטעמאַטיש אין אויסלאַנד — י. ר.), האָב איך דאָרט פאַרווילט בלויז אַ צוויי־דריי וואָכן און צוריקגעקומען אַהיים. די ריכטיקע סיבה איז געווען די שלעכטע אייגנשאַפט, וואָס איך באַזיץ, און וואָס האָט מיר אַלע מיינע יאָרן געשטערט, דאָס איז: דער מאַנגל פון אמונה אין מיינע כוחות און אין מיינע מעגלעכ־ קייטן. אַ סך גרויסע און וויכטיקע רעיונות זענען געבוירן געוואָרן ביי מיר אין קאָפּ, וואָס זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן בלויז צוליב פאָלגנדער אורזאַך: ווען איך האָב נאָכגע־ קלערט וועגן די באַדינגונגען, וואָס זענען נויטיק צו פאַרווירק־ לעכן די דאָזיקע רעיונות, האָב איך נישט געגלויבט, אַז איך וועל זיין פעאיק דורכצופירן אַזעלכע גרויסע זאַכן. אויך דאָס ביסל, וואָס איך האָב געטון אויפן פעלד פון ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָלט איך קיינמאָל נישט געווען געטון, ווען נישט אַן אויסערלעכער הויפּט־שטויס, וואָס האָט מיך געצווונגען צו מאַכן די ערשטע טריט, כמעט דורך צוואַנג".

לאָמיר זיך צוקוקן אַביסעלע נענטער צו זיין דאָזיקן אינערלעבן קאַמף.

שוין אין 1905 (16/10) שרייבט ער צום ד"ר קלויזנער: „דיין געדאַנק וועגן אָנשרייבן „אַ נייע געשיכטע פון די יידן" האָט מיך דערמאָנט אויך מיין געדאַנק וועגן אַ גרויסער ליטעראַרישער אַרבעט, וועגן וועלכער דו ווייסט. אך, פריינט מיינער! וויפל טראַגיזם איז דאָ אין אַזאַ לאַגע. דו פילסט אין זיך טאַלאַנט און ווילן צו שאַפן עפּעס עיקרדיקס, אָבער די הענט זענען צו קורץ..."

מען דאַרף קענען אחד העמס סטיל, כדי ווי געהעריק אויפצונעמען דעם דאָזיקן געשריי, און מען דאַרף ווי געהעריק אויפנעמען דעם דאָזיקן געשריי, כדי ווי געהעריק אָפּצושאַצן פאָלגנדיקן ציטאַט פון אחד העמס אַ בריוו צו א. ליובאַרסקין (פון 8/7/1906):

„אויף אייער פראַגע, צי וועל איך מסכים זיין צו לעבן עטלעכע יאָר אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפט, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אָנצושרייבן דאָס בוך וועגן דער „עטיק פון יודאַאיזם", וועל איך ענטפערן: ניין און ניין! דאָס שטייט אין סתירה צו מיינע עטישע און עסטעטישע געפילן, און פון דער פּראַקטיק ווייס איך (פון דער צייט פון מיין רעדאַקטירן דעם „השלח"), אַז אויב איך וועל צוטרעטן צו אַ וואָסער נישט איז ליטעראַרישער אַרבעט נישט אַבסאָלוט פריי, נאָר געצוווּנגענערהייט, ד. ה. הערפאַר, ווייל איך מוז טון די דאָזיקע אַרבעט, כדי צו באַקומען האָנאָראַר, — דאַן פאַרלאָזט מיך די „שכינה" און איך בין נישט פעאיק צו אַרבעטן מיט אינספּיראַציע און ממילא קאָן איך נישט אָנשרייבן עפּעס שלימותדיקס..."

אין דאָזיקן בריוו איז דאָ אַ סך העלדישע טרייקייט צו די

אָט די באַמערקונגען (ווי אויך די ווייטערדיקע) קלערן אַ סך אויף אין אחד העמס לעבן, באַזונדערס אין לעצטן פעריאָד, אינם פעריאָד פון זיינע חבלי יצירה.

אייגענע פּרינציפּן און געפילן, — אָבער דאָך איז עס מאָדנע: ווען מאַרקס וואָלט אַזוי געפילט, וואָלט ער קיין איין גרויס ווערק זיינס נישט געווען אָנגעשריבן. און זייער ווייניק שרייבער וואָלטן געקאָנטביישטיין דעם נסיון, וועלכן אחד העם איז אַזוי פיל מאָל בייגעשטאַנען. ער האָט כמעט ווי נאַטירלעך געמוזט זיין טריי סיי זיין רעדאַקטאָריי, סיי וויסאָצקין, סיי זיין קאָרעספּאָנדענץ, סיי זיינע עסטעטישע ווי עטישע געפילן, סיי זיינע קלענסטע געוווינהייטן, אָבער דאָך איז פאַראַן עפּעס אויך קרענקלעכס אין דעם, וואָס אפילו די מעגלעכקייט צו פאַרקערפּערן דעם לאַנג געכאָליעטן טרוים וועגן אַ בוך וועגן דער „עטיק פון יודאַאיזם” האָט אים נישט געקאָנט אַראָפּפירן פון זיין גלייכלייניעדיקן וועג.

צי איז אַ שרייבער נישט גרייט צו ברענגען פאַר זיין אַרבעט די גרעסטע קרבנות? אמת, אחד העם האָט געקאָנט שרייבן מיט באַפרידיקונג צו א. ליובאַרסקין (דעם 30/4/1906): „...פון אַלע טייערע זאַכן איז מיר צום טייערסטן די אינערלעכע גייסטיקע פרייהייט. איך האָב אַ סך געליטן אין מיין לעבן, אין אַ סך הינזיכטן האָט דאָס גליק נישט געשמייכלט צו מיר, אָבער אין איין זאַך האָב איך שטענדיק געהאַט דערפאָלג: איך האָב אויפגעהיט מיין גייסטיקע פרייהייט אין אַלע לאַגעס און איך בין נישט איינגעגאַנגען אפילו אויף די קלענסטע קאָמפּראָמיסן בנוגע מיין געוויסן נישט מיט ווערטער, נישט מיט מעשים”, — אָבער די דאָזיקע איינגשאַפט זיינע, דער דאָזיקער שטאָלץ זיינער מיט זיין גראָדליניקייט, מיט זיין פליכט־געפיל האָט געשפּילט די ראָל פון אַ פאַטום אין זיין שעפערישן לעבן. פון איין זייט זענען אפשר אַזעלכע ווערטער ווערט אַ גאַנץ בוך וועגן עטיק פון יודאַאיזם, ווייל זיי זענען דער עצם מהות פון דער יודאַאיסטישער עטיק (יהרג ועל יעבור). אָבער פון דער צווייטער זייט ווייזט דאָס גאַנץ בולט, אַז אחד העמען האָט געפעלט אַ סך פון אַ שרייבער נישט נאָר אין שלעכטן זין, נאָר אויך אין גוטן. און עס איז נישט קיין ווונדער, וואָס עס שווימט אויף די פראַגע: צי איז אחד העם בכלל געווען פּעאיק

פאַר אַ גרויסער סיסטעמאַטישער אַרבעט? אפשר זענען אַלע שטערונגען, ווי אויבן אָנגעווונקען, געווען פאַר אים בלויז אַן אונטערבאַוווסטזיניקע שירמע, הינטער וועלכער עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן זיין אומפעאיקייט? און אפשר איז דאָס גאָרנישט געווען פאַר אים אומבאַוווסטזיניק: הערלאָזט דאָך אחד העם גופא עטלעכע מאָל דעם געדאַנק אין זיינע בריוו, אַז ער איז אפשר נישט פעאיק פאַר אַ גרויסער סיסטעמאַטישער אַרבעט (האָט ער זיך דאָך אויך געשראָקן אָנצונעמען די איינלאַדונג צו האַלטן לעקציעס אין אַן אַמעריקאַנער יודאַאיסטישן אינסטיטוט).

אָט שרייבט ער אין אַ בריוו צו ליודוויפּאָלן (פון 19/12/1902): „נאָך מיט זיבן יאָר צוריק, ווען איך האָב אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך פון מיינע אַרטיקלען, האָב איך געהאַט בדעה אויפהערן שרייבן קליינע אַרטיקלען אויף אַקטועלע פראַגן און געחלומט צו קאָנצענטרירן אַלע מיינע כוחות אויף אַ וואָסער נישט איז איין טעמע, איבער וועלכער איך וועל אַרבעטן עטלעכע יאָר און וועל איבערלאָזן אַ נישקשהדיקע ירושה דעם קומענדיקן דור. דאַן אָבער האָט זיך מיין גורל אויסגעלאַכט פון מיינע טרוימען און ער האָט מיך אַרויסגעפירט אויפן יאַריד פונם לעבן (אחד העם גיט דאָ אָנצוהערן אוי דער מאַטעריעלער איבערקערעניש אין זיין לעבן, צוליב וועלכער ער איז געצווונגען געווען צו ווערן דער רעדאַקטאָר פונם „השלח” צוליב פרנסה — י. ר.) און איך האָב געמוזט פאַרשווענדן מיינע כוחות אויף זאַכן, וואָס זענען נאָך געווען קלענער פאַר די פריערדיקע, ווי איך האָב זיך דאַן באַקלאָגט עפנטלעך (אין זיין אַרטיקל „צרך ויכלת” — י. ר.). איצט, ווען מיין לאַגע האָט זיך נאָך אַמאָל געענדערט און איך האָב זיך ווידער אומגעקערט אין מיין פריוואַטן ווינקל (אחד העם האָט דאַן פאַרלאָזט זיין געזעלשאַפטלעכן אַמט פון אַ רעדאַקטאָר און האָט אָנגענומען אַ פּאָסטן ביי וויסאָצקין — י. ר.)..., קלייב איך זיך אויסצופירן מיין אַלטן געדאַנק. צי דאָס וועט מיר געלינגען — ווייס איך נישט. מעגלעך, אַז איך בין ב כ ל ל

ניש ט פּעאיק פאַר אַ דויערנדיקער און גרויסער אַרבעט (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.); ס'איז אויך מעגלעך, אַז מיין נשמה איז שוין אַזוי קאַליע געוואָרן אינם טומל פון לעבן, אַז איך קאָן זיך שוין נישט איינ־האַלטן און שווייגן, ווען איך זע זאַכן, וואָס זענען לויט מיר נישט ריכטיק. דאָס אַלץ איז מעגלעך און די פּראַקטיק וועט ווייזן, וואָס איך בין און אויף וויפל עס גרייכן מיינע כוחות...״

און עס איז זיך נישט צו וואונדערן, וואָס אַזאַ געדאַנק איז געקומען סיי אחד העמען און סיי אונז: ווען אַ מענטש איז ווירקלעך פּעאיק צו עפּעס, רייסט ער דורך אין מערסטנטייל פאַלן שטאַרקערע שטערונגען סיי פונם טאָג־טעגלעכן לעבן, סיי פון זיין כאַראַקטער. אָבער דער דאָזיקער חשד קאָן קיינמאָל נישט אויסוואַקסן ביז אַ זיכערקייט: מיט אַ לאָגישן וועג קאָן מען אין אַזעלכע פאַלן נישט דערגיין צום פולן אמת, — געווינלעך ווירקן אין אַזעלכע פאַלן פאַרשידענע סיבות, וואָס זענען פאַרפלאָכטן צווישן זיך — נישט אויסצופּלאָנטערן.

דאָס וואָס מיר זעען קלאָר, איז אחד העמס וואַקסנדיקע ליידן. ער פּייניקט זיך (אויף זיין אופן — איינגעהאַלטן, אַריס־טאָקראַטיש־איינגעהאַלטן) אי מיט זיין אומדערפילטן פאַרלאַנג, אי מיט זיינע ספקות צי לאָזט ער זיך בכלל אויספירן. און עס איז רירנדיק צו זען, ווי אחד העם זוכט מיטלען קעגן זיך גופא, קעגן די אייגענע העמונגען, כדי כאָטש אין דער קלענסטער מאָס פאַרווירקלעכן זיין פאַרלאַנג. ער, וואָס אָנערקענט נישט פאַר זיך קיין קאָמפּראָמיסן, איז שוין באַלד גרייט אויף קאָמפּראָ־מיסן: אַרויסרייסן ביי זיך מיט געוואַלט דאָס דאָזיקע ווערק אין קליינע טיילן. אָט וואָס ער שרייבט דובנאָוון אין 1914:

„לעצטנס איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז אויב איך וועל זיך האַלטן ביי דעם אַלטן געדאַנק: שרייבן אַ גאַנצן בוך לויט אַ פאָרויס באַשטימטן פּראָגראַם און סיסטעם, — וועל איך דאָס קיינמאָל נישט דערגרייכן. אַזאַ בוך פאָדערט, לכל הפּחות, דריי יאָר אויף צונויפזאַמלען און צוגרייטן דעם מאַטעריאַל, און ביי די באַדינגונגען פון מיין לעבן איז דאָס זייער שווער

דורכצופירן. און דערבײַ איז אויך מעגלעך, אַז לויט מײַן כאַראַקטער און לויטן כאַראַקטער פון מײַן דערציִאונג און פון מײַן פֿריִקער אַרבעט, בין איך גאָר נישט צוגעפּאַסט פֿאַר אַזאַ אַרבעט, וואָס פֿאָדערט די קאָנצענטראַציע פון אַלע גײַסטיקע כּוחות אויף איין פּונקט אין משך פון אַ סך יאָרן. און צוליב די דאָזיקע מאָטיוון — ווי אויך צוליב אַנדערע — בין איך איצט גענייגט צו ענדערן דעם ערשטן פּלאַן. איך וויל זיך ווידמען דעם זעלבן געביט, וואָס איז דיר גוט באַקאַנט (דער נאַציאָנאַלער עלעמענט אין דער לערע פון יודאַאיזם און זײַן עטיק), אָבער נישט כּדי צו שאַפֿן אַ גאַנצע, אָן אָפּגעקײַלעכדיקע סיסטעם, נאָר אַרײַנדרינגען אין יעדן ווינקל פון דאָזיקן געביט באַזונדער — דורך באַזונדערע אַרטיקלען, וועלכע איך וועל שרײַבן און דרוקן פון צײַט צו צײַט".

אחד העם וויל מיט דעם צעברעקלען נישט נאָר זײַן טעמע, נאָר דורך דעם גופא — אויך זײַן טראַגעדיע, כּדי זי נישט צו שפּירן אַזוי שטאַרק.

אָבער אויך דאָס איז אים נישט געלונגען. עס איז געקומען די וועלט־מלחמה, וואָס האָט פֿאַרטיפֿט זײַן פּערזענלעכע טראַגעדיע דורך אַ טיפֿן וועלט־שמערץ און אינגאַנצן צעבראָכן זײַן אָנגעשפּאָלטענע נשמה. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן (הגם דאָס איז ווײַט נישט זיכער), אַז ווען נישט די וועלט־מלחמה, וואָלט אחד העמען געווען געלונגען צו פֿאַרווירקלעכן טיילווײַז זײַנע פּלענער, גובר זײַענדיק די אויסערלעך־פּסיכאָלאָגישע שטערונגען; אָבער ווען נישט די דאָזיקע גײַסטיקע טראַגעדיע, וואָלט דער וועלט־מלחמה נישט געווען געלונגען אַזוי שטאַרק צו צעברעכן אחד העמס נשמה, וואָס וואָלט געווען געהאַט אַן אָנשפּאַר אין זײַן אַרבעט און וואָלט אַזוי אַרום געווען געקאָנט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם אָנלויף פון שטורעם. נישט אומזיסט שרײַבט ער צו דובנאָוון דעם 31/1/1917:

„דו ביסט פולשטענדיק גערעכט, — ווען איך וואָלט בכּוח געווען אויסצואַרבעטן פֿאַר זיך ליטעראַרישע פּלענער מיט אַ געוויסן גלויבן, אַז איך וועל זיי קאָנען פֿאַרווירקלעכן, וואָלט

דאָס געווען געשטאַרקט מיינע פֿיזישע כוחות און דאָס וואָלט אויך געדינט אַלס קוואַל פֿון נייער ענערגיע פֿאַר דער אַרבעט. אָבער אין מיין איצטיקן צושטאַנד פֿיל איך קלאָר, אַז די דאָזיקע ענערגיע רינט אַלץ מער אויס, און צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז איך בין שוין אויף גאָרנישט נישט פֿעאיק, און דאָס אַליין, נאַטירלעך, דערדריקט נאָך מער מיין גייסט — און נישטאָ קיין אויסוועג".

אָפּגעשוואַכט און צעבראָכן גייסטיק און פֿיזיש דורך דער אוממעגלעכקייט צו אַרבעטן, האָט ער דורך דעם גופֿא פֿאַרלוירן דעם איינציקן אָנשפּאַר פֿאַר אַזעלכע מענטשן, ווי אחד העם, ביים אָנקום פֿון שטורעם. ער האט נישט נאָר נישט געהאַט קיין אָנשפּאַר קעגן אים, נאָר ער איז ווילד אָנגעגריפֿן געוואָרן פֿון אים אין אַ צושטאַנד, וואָס איז געווען אומגינסטיק פֿאַר באַשיצן זיך.

אחד העמס גייסטיקע טראַגעדיע, זיינע חבלי־יצירה אויף דער עלטער, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן, מיט דער הילף פֿון וועלט־שמערץ, אויך אין זיין פֿיזישער טראַגעדיע.

אין יאָר 1920 איז אחד העם קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער נערוון־קראַנקהייט, פֿון וועלכער ער איז שוין נישט געקומען צו זיך ביזן סוף פֿון זיין לעבן אין 1927.

זיין קראַנק ווערן איז כמעט צונויפֿגעפֿאַלן מיט זיין אַוועקגיין פֿון וויסאָצקים פֿירמע, און דאָס האָט אחד העמען אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן געדאַנק, אַז די דאָזיקע קראַנקהייט איז אַרויסגערופֿן געוואָרן צוליבן ענדערן אויף דער עלטער זיין לעבנסשטייגער, ווי דאָס האָט אים פֿאָרויסגעזאָגט איינער פֿון דער פֿירמעס דירעקטאָרן, ווען אחד העם האָט פֿאַרפֿירט אַ שמועס אין 1917 וועגן פֿאַרלאָזן די שטעלע.

אחד העם פֿאַרצייכנט אין זיינע בריוו, אַז אויך די דאָקטוירים האָבן נישט געוווסט, צי איז דאָס אַ צופֿעליקער צונויפֿטרעף אָדער די ענדערונג פֿונם לעבנס־שטייגער האָט טאַקע אַרויסגערופֿן די קראַנקהייט.

הגם דאָס איז נישט געווען קיין פּסיכישע קראַנקהייט, נאָר

אַ קראַנקהייט פון די נערוון, דאָך, ווי עס שיינט, האָבן סיי אחד העם, סיי די דאָקטוירים דערלאָזן דעם געדאַנק וועגן דער ווירקונג פון אַ פסיכישער סיבה. אָבער די דאָזיקע סיבה איז זיכער נישט געווען אַזאַ מעכאַנישע און פשוטע: די ענדערונג פונם איינגעפירטן לעבנס־שטייגער — אַ לעבנס־שטייגער, וואָס אחד העם האָט אים פיינט געהאַט אַ גאַנץ לעבן. אין 1894־טן יאָר, נאָך פאַר אחד העמס אַריינטרעטן אין פראָפעסיאָנעלן ליטעראַרישן לעבן, האָט ער געשריבן א. ראַווניצקין: „דו האָסט קיין באַגריף נישט, ווי גליקלעך איך וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקאָנט פאַרלירן דעם מאַרק, וואָס איך האָב פיינט, און איינשליסן זיך אין אַ קאַבינעט און שרייבן...״

און די דאָזיקע שנאה צום האַנדלס־מאַרק איז געוואָקסן ביי אים מיט די יאָרן, ווי דאָס איז צו זען פון צענדליקער בריוו. און אָט־אָ־די צוריקגעדרענגטע ליבע צום שרייבן, צום שאַפן אין דער שטיל פון קאַבינעט, האָט זיך נוקם געווען נישט נאָר אין אחד העמס גייסטיקן לעבן, נאָר אויך אין זיין פיזישן געזונט.

און פונם אויבנגעבראַכטן בריוו צו דובנאָוון (פון 31/1/1917) איז צו זען, אַז פאַר אחד העמען איז צייטנווייז געווען קלאָר די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן זיין גייסטיקער פאַרהונגערטקייט און דער קראַנקהייט פון זיינע נערוון.

אָבער עס איז געווען נאָך אַ סיבה — דער וועלט־שמערץ.

ח. וועלט־שמערץ

וועלט־שמערץ איז נישט קיין אייגנטימלעכקייט פון דער ליטעראַטור פונם 19־טן יאָרהונדערט, — דאָס איז נישט קיין דערפינדונג פון בייראָנען אָדער לעאָפּאַרדין. דער וועלט־שמערץ איז איינער פון די באַגלייטער פונם מענטשלעכן לעבן, דאָס איז אַ פסיכישע רעאַקציע פונם מענטשן אויף די פּאַראַטן פונם לעבן. אויף די אַנטוישונגען, וואָס עס רופט אַרויס.

און דעריבער איז דער וועלט־שמערץ אויך נישט איינ־טאָניק, ווי דאָס וואָלט זיך געקאָנט אויסדאַכטן פון ערשטן

בליק. נאַטירלעך, עס איז דאָ עפּעס אַ געמיינזאַמע ליניע, און אפילו אַ געמיינזאַמער טאָן, וואָס בינדן צונויף צווישן זיך איוב און קוהלת מיט פּאַסקאַלן און בייראָנען. אָבער דאָס דאַכט זיך נאָר פון ערשטן בליק. ביי אַ מער אויפמערקזאַמען אַנאַליז שטעלט זיך אַרויס, אַז די סיבות און מאָטיוון פון פאַרשידענע „וועלט־שמערצן" זענען גאַנץ פאַרשידן. איין מין וועלט־שמערץ קאָן אַרויסגערופן ווערן דורך די צרות פונם לעבן און זיין קורצ־קייט, און דער צווייטער — דורך דער הערשאַפט פון אומרעכט. זאָל זיך נאָר איוב איבערצייגן, אַז אויף דער וועלט הערשט גערעכטיקייט, און ער וועט פאַרלאָזן די רייען פון די וועלט־שמערצלער: ער וועט שלום מאַכן מיט דעם, וואָס דער מענטש איז נישט אומשטערבלעך. אָבער קוהלתן וועט די גערעכטיקייט אַליין נישט באַפרידיקן — אים איז נויטיק אויך אומשטערב־לעכקייט, אַן אייביקער יום־טוב.

אויך דער וועלט־שמערץ פונם 19־טן יאָרהונדערט איז נישט ענלעך אויף זיין ברודער פון 20־טן.

נאָך דעם קולט פון דער פּערזענלעכקייט — אָנהויבנדיק מיט דער עפּאָכע פונם רענעסאַנס, — וועלכע האָט זיך אַרויס־געריסן פונם מיטלאַלטערלעכן קאָלעקטיוון וועלט־געפיל, האָט די דאָזיקע פּערזענלעכקייט אָנגעהויבן באַמערקן, נאָך דער ערש־טער פאַרשכורטקייט מיט דער פרייהייט, אַז אַלע הבטחות צו באַפרייען זי זענען נישט געהאַלטן געוואָרן: נישט די הבטחות פון דער רענעסאַנס־תקופה, נישט די הבטחות פון דער עפּאָכע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע: די דאָזיקע „באַפרייטע" פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך גענומען אויסניכטערן פון איר שכרות, האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן די גרעניצן, וואָס האָבן זי אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן: אָט איז די גרעניץ פון עלטער און טויט; אָט זענען די גרעניצן פון דער בלומרשטער פריי־הייט, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ ביסל אַ פאַרלענ־גערטע קייט פון דער צעלע פון דער לעבנס־תפיסה, וווּ אַלץ איז פאַרגעגנגלעך, און נישט פריי מיט דער לעצטער גרעניצלאָזער פרייהייט. און דער מענטש האָט גענומען טרויי־

ערן. זיינע געפילן האָבן זיך צעבונטעוועט — דאָס געפיל פון ווילן צום לעבן, דאָס געפיל פון ווילן צו זיין פריי, אומבאַגרעניצט אין דער מעגלעכקייט איבערצולעבן און צו האַנדלען. מיט איין וואָרט — דער וועלט־שמערץ פונם 19־טן יאָרהונדערט איז אַ וועלט־שמערץ אויב נישט פונם זינלעכן מענטשן, איז פונם עמאָציאָנעלן. דער וועלט־שמערץ האָט באַקומען זיין אויסדרוק אין דיכטונג. און אפילו דער גרויסער פילאָזאָף פונם וועלט־שמערץ פון 19־טן יאָרהונדערט — שאָפּענהאַוער, איז געווען אַ דיכטער־מעטאַפיזיקער, דער דיכטער פון בלינדן ווילן צום לעבן.

דער וועלט־שמערץ פונם 20־טן יאָרהונדערט פאַרמאָגט אינגאַנצן אַן אַנדער מאָטיוו, אַן אַנדער טאָן.

אויב דער וועלט־שמערץ פונם 19־טן יאָרהונדערט איז געווען אַביסל אַ פאַרשפּעטיקטער ענטפער אויף דער פאַרשכורטקייט מיט דער פרייהייט פון דער פערזענלעכקייט אָנהויבנדיק פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, איז דער וועלט־שמערץ פונם 20־טן יאָרהונדערט אַ דירעקטער ענטפער אויפן גלויבן אין פּראָגרעס און אין דער אַלמאַכט פונם מענטשלעכן שכל, — אויפן גלויבן, וואָס איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט דער עקספּערימענטאַלער וויסנשאַפט אין 16־טן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך אַזוי אַנטוויקלט אינם 18־טן און 19־טן יאָרהונדערטער.

די דערוואַכונג פון דאָזיקן ווונדערלעכן חלום וועגן דער אַלמעכטיקייט און דער כסדרדיקער גראָדליניקער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד, — אָט דאָס איז אונזער היינטציטיקער וועלט־שמערץ, וואָס באַקומט אַן אויסדרוק אין דער וויסנשאַפט (פרויד — די מאַכט פונם אומבאַוווסטן איבערן באַוווסטזיין), אין דער פילאָזאָפיע (בערגסאָן — די דינער־ראָל פונם פאַרשטאַנד, זיינע באַגרעניצטע דינער־פונקציעס) און אין דער היסטאָרישער און פּאָליטישער וויסנשאַפטן (מאַרקס — היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, דער פּרימאַט פונם מאָגן איבערן שכל).

אָט מיט דעם דאָזיקן הײנטצײטיקן װעלט־שמערץ איז קראַנק געװאָרן בעת דער װעלט־מלחמה אױך אחד העם.

אַ ראַציאָנאַליסט לױט די אײגנשאַפטן פון זײן גײסט, לױטן טעמפּעראַמענט און לױטן כאַראַקטער, האָט אחד העם געגלױבט אין דער קראַפט און אין לעצטסופיקן זיג פונם שכל. נישט אומזיסט איז ער געװען אַן איבערצײגטער עװאָלוציאָניסט, — ער האָט געגלױבט אױך אין דער עװאָלוציע פונם שכל. אַלץ אַנטװיקלט זיך אין אַ גלײכער ליניע אין דער הױך, — געזעצ־מעסיק, אָן אױפהער. דער עװאָלוציאָניזם און פּאָזיטיװיזם פונם 19־טן יאָרהונדערט האָבן געפונען אין אים אַ גוטן און געטרײען תלמיד. ער גלױבט אין דער אַנטװיקלונג און אין דער עװאָ־לוציע פון מאָראַל און פאַרשטאַנד.

אָבער אָט קומט די װעלט־מלחמה. און נאָך איר דער „שלום" אין דער „נײער" װעלט, און אחד העם פאַרלירט זײן גלױבן אין שכל און אינם זיג פון דער עטיק אינם מענטשלעכן לעבן.

בעת דער מלחמה האָט אחד העם געלעבט אין ענגלאַנד, און דאָס האָט נאָך פאַרשאַרפט זײן אַנטױשונג אין זײן גלױבן. ערשטנס, האָט ער געלעבט אין גײסטיקער אומעטיקײט, װײט פון די ײדישע מאַסן, און דאָס האָט צוגעשפּיצט דאָס געפיל פונם פאַרשטאַנדס אָנמעכטיקײט; און פון דער צװײטער זײט האָט ער געלעבט אין ענגלאַנד, אינם לאַנד פון יום, פון מיל און ספּענסער, זײנע עיקרדיקע אײראָפּעאישע קולטור־לערער, און ער האָט איצט געהאַט די מעגלעכקײט צו איבערצײגן זיך ממש בחוש, װי אַזױ די אײראָפּעאישע קולטור זעט אױס אין טאָג־טעגלעכן לעבן (דער אײנציקער קריטעריום פאַר קולטור).

אין אַ בריװ צו א. גוטמאַנען (ש. בן־ציון), פון 8/6/1919, שרײבט אחד העם:

„ דו דאַרפסט װיסן, מײן פרײנט, אַז הגם איך האָב נישט געדינט אינם לעגיאָן און כ'האָב נישט אָנטײלגענומען אין פראָנט־שלאַכטן, דאָך בין איך אַרױס פון דער מלחמה אַ באַ־זיגטער און אַ פאַרװונדעטער, און מיר דאַכט זיך, אַז מײנע

וונדן זענען געפערלעך און זיי וועלן זיך קיינמאל נישט פארהיילן. צוערשט איז נאך געווען א האפנונג, אז דער שלום (אויף די יסודות פון „גערעכטיקייט" און די איבעריקע שיינע ווערטער, ווי דאס איז אנגענומען) וועט מיר ברענגען א היילונג. איצט איז אויך די דאזיקע האפנונג פארשוווּנדן. דער שלום האט נאך פארטיפט מיינע וואונדן און נאך מער פארוויסט מיין נשמה, און אין די שלאפלאזע נעכט ליג איך און באדויער: פארוואס האב איך נישט אפגעגעבן מיין לעבן און יוגנט אויף שטודירן די שרצים, — וואלט איך דאך אויך איצט געקאנט פארנעמען זיך מיט ליבע און פלייס מיט מיין געביט פון וויסן, כדי צו פארגעסן דעם מענטשן און זיינע מעשים. איצט אבער, נאכדעם ווי מיין לעבן איז פארביי אין געדאנקען וועגן דאזיקן נידעריקן באשעפעניש, וואס זיין העזה איז אזוי גרויס, אז עס רופט זיך אן „די קרוין פון באשאף" — איצט איז מיין מוח פארוויסט, און איך האב קיין טעמע נישט צו באשעפטיקן מיט איר מיין געדאנק".

און אין א בריוו צו דובנאוון (פון 20/1/1916) וועגן מאראלישן זינקען אין ענגלאנד, שרייבט אחד העם:

„...דו ביסט גערעכט: אן דאזיקן גלויבן (אינם דערוואכן פונם אלוועלטלעכן מאראלישן געפיל) וואלטן מיר נישט געווען געהאט מיט וואס צו לעבן. און היות דער דאזיקער גלויבן איז אין מיר אפגעשוואכט געווארן, פיל איך אויף אן אמת, אז איך האב נישט מיט וואס „צו לעבן"... ווען דו וואלסט געלייענט יעדן טאג אזוי ווי איך, וואס מען שרייבט אין די ליבעראלסטע צייטונגען אין דאזיקן קלאסישן לאנד פון פרייהייט... — וואלט דיר געווען זיין פארשטענדלעכער מיין סקעפטיציזם לגבי דער עקזיסטענץ פונם „אלוועלטלעכן מאראלישן געפיל".

און כדי דובנאוון זאל פארשטענדלעך ווערן אויף די גאנצע הונדערט פראצענט אחד העמס געפיל לגבי דער אייראפעאישער קולטור, ברענגט אחד העם דעם באקאנטן אנעקדאט וועגן א חסיד, וועלכער דערציילט א צוגעפארענעם וועגן דער ברכה פונם צדיק, אז זיין שטאט זאל קיינמאל נישט אוועקגיין מיט א

שריפה. און ווען דער צוגעפּאָרענער פרעגט מיט פאַרווונדערונג: „וואָס הייסט? מיט עטלעכע יאָר צוריק... האָט דאָך די גאַנצע שטאָט אָפּגעברענט?", ענטפערט דער תושב, דער חסיד, מיט אויפרעגונג: „ביז וואַנעט ווירקט דען די ברכה פון אַ צדיק? דאָך נאָר ביז אַ גרויסער שריפה!..."

און אחד העם קלערט אויף: „איך ווייס נישט צי דער דאָזיקער ענטפער האָט באַפרידיקט דעם צוגעפאָרענעם, פאַר מיר אָבער האָט נישט קיין שום באַדייטונג אַזאַ „ברכה", וואָס ווירקט נאָר ביז דער גרויסער שריפה".

אַ מאָראַל און אַ ציוויליזאַציע, וואָס ווירקן נאָר ביז דער ערשטער גרויסער שריפה, זענען נישט אָננעמבאַר פאַרן אומקאָמפּראָמיסלעכן אחד העם.

דאָס דאָזיקע געפיל ווערט אַלץ געדיכטער און געדיכטער אין די ווייטערדיקע בריוו. אין אַ בריוו צו דובנאָוון (פון 31/1/1917) שרייבט אחד העם: „דו שרייבסט: ווו איז דער גייסטיקער מקום מקלט, אין וועלכן איך זוך רעטונג פון די נאַכטיקע קאָשמאַרן פון דער היינטיקער וועלט? אָנשטאָט אַ דירעקטן ענטפער, וועל איך דיר זאָגן, אַז די לעצטע צייט לייען איך מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן די פאָלגנדיקע ביכער: „קוהלת", לוקיאַנס סאַטירעס, און אויך... די פאָטערס פון דער קריסטלעכער קירכע! אין ליכט פון די היינטיקע געשעענישן, גיט דאָס לייענען פון די דאָזיקע ביכער... אַ גרויס פאַרגעניגן מיין נשמה! מער קאָן איך נישט שרייבן וועגן דעם, אָבער דו נויטיקסט זיך דאָך נישט אין פירושים..."

אחד העמס נשמה זענען געוואָרן קרובהש דער „הבל הבלים", די ביטערע סאַטירעס און דאָס אַנטלויפן פון דער דאָזיקער וועלט! (און אפשר פלעגט ער לייענען די פאָטערס פון דער קריסטלעכער קירכע און פאַרגלייכן די קריסטלעכע רייד מיט דער קריסטלעכער וועלט!).

דער ריטער פונם יודאַאיזם לייענט אַלס טרייסט די פאָטערס פון דער קריסטלעכער קירכע!

נאָך דעם וועלן מיר זיך שוין נישט פאַרווונדערן, ווען

מיר לייענען אין אַ בריוו צו נ. בענטוויטשן (פון 8/2/1917) פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיין זון זיצט נאָך אין דער שווייץ און פאַרנעמט זיך מיט שטודירן די יסודות פון „מענטשלעכן שכל". איך האָב מורא, אַז ווען ער וועט פאַרענדיקן זיין שטודיום וועט ער קומען צו דער איבערצייגונג, אַז עפּעס אַזוינס איז גאָר נישט בנמצא. אָבער כדי צו קומען צום דאָזיקן גרויסן אמת, איז גאָר נישט נויטיק צו שטודירן גאַנצע ביבליאָטעקן פון פילאָזאָפישער ליטעראַטור; ס'איז גענוג צו לייענען צייטונגען און די קריגס־ליטעראַטור".

ווען אויף דער וועלט וואָלט באמת עקזיסטירט עפּעס ענלעכס אויף אונזער קולטור־טרוים, אויף אַ פּראָגרעסירנדיקן לעבעדיקן פאַרשטאַנד, וואָלטן זיי באַדאַרפט באַזונדערס ווייטאָקדיק דערפילן גראָד אחד העמס פּאַטש, — דעם פּאַטש פון דאָזיקן גלייכגעוויכטיקן ראַציאָנאַליסט, וועלכער האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע כוחות דעם גלויבן אין דער מאָראַלישער און שכלדיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

און היות אחד העם האָט נישט געגלויבט, אַז דאָס יידנטום, אין זיין קולטור־דערשיינונג, שטעלט פאָר מיט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס שטייט מחוץ די אַלגעמיין־מענטשלעכע נאָרמעס, איז ער פול געוואָרן מיט חשד אויך לגבי זיין געליבטן פאָלק, אָדער ריכטיקער: לגבי דער געליבטער קולטור פון זיין פאָלק. ווי דאָס איז צו זען פון אחד העמס בריוו צו ש. בן־ציון, פון 8/6/1919 (זע דעם קאַפּיטל „דער נישט דאָגמאַטישער ראַציאָנאַליסט", ז. 49).

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —